ערשטע זאמלונג. פרייז 20 קאפּ.

# פון נאָהנט און ווייט

## זאַמלונג פון ליטעראַטור און פאָלקלאָר.

### א י נ ה א ל ט:


**ליטעראַטור:**

א. ח. שעפּס — אַ בריעף (ליעדר).
אברהם רייזען — אַ פּסח׳דיגער מאַן.
ש. טרייסטמאַן — *.* (ליעדר).
פּנחס גראַובאַרד—גרים (פון רייזע ביבעל).
בת־יה—ס׳איז אומעטיג אין מײַן ווינקעלע (ליעדר).
רחל פייגענבערג — אַלע גלײַך (סקיצע).
עדוואַרד סלאָנסקי — אויפ׳ן וואָקזאַל.
שרה רייזען—לאָז מיך אַברוהען, פרײַנד.
ל. קעסטין—געציל פּזעט (הומאָרעסקע).
י. מאסטבוים—ווער וועט שטאַרבען פריהער:
א. גראַפּמאַן — אַהיים (ליעדר).
י. פּערלע — דאָס טויטע הויז (בילד).

**פאָלקלאָר:**

פון פּנחס גראַובאַרד׳ס זאמלונג.

דער שד
עקדת יצחק
״ ״ צווייטער וואַריאַנט
״ ״ דריטער וואַריאַנט
״ ״ פיערטער וואַריאַנט
אברהם אבינו׳ס נעבעט
יציאת מצרים
שלמה המלך׳ס משפּט
״ ״ צווייטער וואַריאַנט.



וואַרשא — דרוק „אוניווערסאַל״, לעשנא 31. — תרע״ד

Фонъ Нонтъ Унъ Вайтъ, Сборникъ. Тип. „Универсаль", Варшава, Лешно 31.

## גיט אכטונג! נאלעווקי № 37 מאשקאווסקי.

# לעזט און הערט דעם אמת!!!

אלע אנאנסירטע ברולבענדער מיט גאלוואנישע פעדערן זע־נען פאלש, דען אזעלכע גיבט נישט אין דער וועלט, אויך גיבט נישט קיין באנד וועלכעס קען אויסהיילען איין ברוך, ווי פערשי־דענע שווינדלער אנאנסירען.

איין גוטעס ברולבאנד קען נור גוט זיין, ווען עס ווערט געפאסט פון איין פאכמאן. פיר מיינע בעקוועמע און גוט האל־טענדע ברולבענדער בין איך אין **1896** יאהר בעלוינט געווא־רען מיט א נאגראדע פון דאקטארסקע אויסשטעלונג.

יערעס ווערט דורך מיר זעלבסט צוגעפאסט אין מיין איי־גענער פאבריק.

לייב־באנדען פיר פרויען, גומענע זאקען פיר געשוואלענע פיס, אויך ברילען און אלע ארטיקלען פיר קראנקע.

צום קומענדען זומער־סעזאן בעקומט יעדערער אויסקינפטען און אויך אדרעסען אין אלע קור־ערטער אינלענדישע און אויס־לענדישע אומזיסט.

באנדאזיסט

## ד. מאשקאווסקי,

**ווארשא, נאלעווקי № 37. טעל. 53-33.**

גיט אכטונג! נאלעווקי № 37 מאשקאווסקי.



די בעסטע געזונדסטע

# מיטאגען

## זענען די וועגעטאריאנישע

די בעסטע דאקטוירים אויף דער וועלט און די „ווראטשעבנע אופראוולעניעס" פון אלע גרעסטע שטעדט זענען שוין לאנג געקומען צום בעשלוס, אז דאס געזונדסטע עסען זענען די בעסטע וועגעטא־ריאנישע (יארסקי) מיטאגען, וועלכע זענען גרינג צו פערדייען און זעהר היגעניש פון אלע מעדיצינישע שטאנד־פונקטען.

און אויב איהר ווילט בעקומען א גוט, זעטיג, היגעניש וועגעטארי־אניש מיטאג, צו א גאנץ בילינען פרייז זאלט איהר קומען אין דער בעקאנטער מלעטשארנע צו ה׳

**לייבמאן, קארמעליצקא 19**

טעלעפאן 181-93

**LEIBMAN, Warszawa**

**Karmelicka 19.**



# Студентка

За граничнаго универститета ищетъ уроковъ.

Узнать можно: Павлиная 27, кв. 27.



זה עתה יצא לאור

בשם

## ספר למוד חדש אחר האלף־בית

עם תמונות רבות ויפות בתכלית היופי.

מאת **פ. הײלפערין.**

מחירו **70** קאפ׳.

Книгоизд. „ИЗРАЕЛИТЪ", Вильно, Рудницкая ул.

א. ח. שקפּס.

# אַ בריעף.

אַ ליעבעס בּעגער און אַ שמערצליכע טרעהר
אין ס'איז שוין פערזיגעלט דער בריעף;
עס וועט זיך באַלד וויעגען דורך פּאַליעס און ווינד
מיין הארצענס-פערלאנג אויף אַ שיף.

דורך טאָג און דורך נאַכט וועט דאָס בריוועל פערמאַכט
זיך וואַרפען אַזוי ווי מיין האַרץ,
און ס'וועט עס בּעגלייטען מיין בּענקענדיג ליעד,
וואָס איז אַזוי ליכטיג און שוואַרץ.

און גערן וועט מיין פלאַם איבער'ן שטורמישען ים
פון ליעבע צו ליעבע געשיקט;
צו געבּען אַ גרוס פון אַן עלענדען מאַן,
וואָס וויינט, ווען זיין האַרץ איז בּעגליקט.

מיין וואָרט אויף פּאַפּיער וועט זיך טראָגען צו איהר,
אַהין אין מיין היימישען לאַנד,
און עפענען וועט מיט אַ ציטער דעם בריעף
אַ צערטליכע מיידעלשע האַנד.

ניו-יאָרק.

אברהם רייזען.

# דער פּסח'דיגער מאַן.

יעדער בעל-הבית פון שטעדטיל האָט זיך געוואונשען צו האָבּען אַזאַ „שטעלע" ווי מענדיל טאַמאַרקין. ערשטענס, איז דאָס אַ כּבודיגע שטעלע: אַ „שאַפ"ער אין אַ וואַלד, צווייטענס, איז זיין בעל-הבית נישט קיין אַנדערער, ווי דער גרויסער בּערע ראַפּאָפּאָרט—אַ יוו, וואָס פערמעגט איבּער אַ מיליאָן. ס'הייסט, מען קען דען וויסען, וויפיעל אַזאַ גביר פערמעגט. אַז די בעלי-בתים פון אָרימען שטעדטעלע זענען בּעזונדערס גוט אויסגעלעגט, ווי למשל אין אַ יום-טוב, קאָנען זיי זיך פערגינען און דערלייגען איהם נאָך אַ מיליאָן. אָט ממש איינס-צוויי, און בּערע ראַפּאָפּאָרט פערמעגט שוין צוויי מיליאָן. און עס טרעפט, אַז אַ געקעשן אַ בעל-הבית שפּאַרט זיך אַ יין און וויל נישט אַנדערש, אַז בּערע ראַפּאָפּאָרט זאָל פערמעגען דריי מיליאָן.

— איהר וועט בּיי מיר נישט אָנקומען!—טענה'ט איינער שפּאַרט דער עקשן—איך ווייס פון אַ זיכערען אָרט, אַז בּערע ראַפּאָפּאָרט פערמעגט איבּער דריי מיליאָן...

נאָר נישט אין די עשירות פון בּערע ראַפּאָפּאָרט בּעשטעהט דאָס גליק צו זיין בּיי איהם אַ מענש. בּערע סוחר, למשל, פערמאָגט אַרום זיעבּען-אַכט מיליאָן און אפשר מיט אַ סמיטשיק, און האַנדעלט אויך מיט וועלדער, און בּיים דאָזיגען בּערע סוחר צו דיענען איז דוקא נישט קיין גרויסער יחוס. אַ מענש האַלט זיך בּיי איהם נישט מעהר ווי אַ האַלב יאָהר. ער איז יעדען יודען חושד אין גנבה... און די שכירות, וואָס ער צאָהלט איז אויך גאָר נישט מעשה גביר...

בּערע ראַפּאָפּאָרט אָבּער איז אַ יוד אַ בן-תורה, און בּעהאַנדעלט זיינע מענשען ווי חברים. אַזוי דערצעהלט מען וועגען איהם. וואָס איז שייך צו די שכירות צאָהלט ער יעדען מענשען, לויט די ערליכקייט און לויט די קינדער, וואָס דער מענש פערמאָגט. אויף יעדען ניי-געבּאָרענעם קינד איז בּערע ראַפּאָפּאָרט מוסיף אַ פּאָר רובל די וואָך און, אַז דעם „מענשען" קומט אויס חתונה צו מאַכען אַ טאָכטער, גיט בּערע ראַפּאָפּאָרט דעם נדן... אַזאַ קבלה האָט ער פון זיין טאַטען וואָלף ראַפּאָפּאָרט, און וואָלף ראַפּאָפּאָרט שטאַמט פון דעם גרויסען צדיק ר' משה ראַפּאָפּאָרט...

פון אַזוינע שמועסט מען נישט!...

און נאָך בּעסער פון אַלע זיינע מענשען בּעהאַנדעלט ער טאַקע מענדיל טאַמאַרקינען. ערשטענס, איז מענדיל אַ גרויסער בעל-חשבון, עס איז אַ סברא, אַז ער קען אַפילו בּיז אַריבער תשבורת... דערצו איז ער בּעהאַוונט אין „חכמת המדידה", מיט'ן אויג מעסט ער אויס וויפיעל „טפחים" אַ בוים האַלט די דיק און וויפיעל די הויך. דערצו איז אַ סברא, אַז מענדיל טאַמאַרקין'ן איז ראַפּאָפּאָרט'ס אַ שטיקעל קרוב... אויף זיכער ווייס מען עס נישט, נאָר שמועסען שמועסט מען יאָ...

אָנגעקומען צו ראַפּאָפּאָרט'ן אין וואַלד איז טאַמאַרקין'ן אַ יאָהר נאָך דער חתונה, נאָכדעם ווי זיין ווייב זעלדע איז אויפגעשטאַנען פון ערשטען קימפּעט מיט'ן ערשטען קינד—אַ מיידעלע... גאַנץ שטעדטעל איז דאַמאָלס געגאַנגען חאָדאָראָם: אַ קליינינקייט—אַזאַ שטעלע...

זעלדע אַליין איז אַפילו די ערשטע צייט נישט געווען בּעזאָנדערס צופריעדען, דען איבּער וואָס איהר מענדיל איז אַ געראָטענער, איז ער טאַקע אַ פּאַרשוין אַ מאַן. זיינע אויגען שוואַרץ ווי די נאַכט, די האָר ווי פּעך און זיין פּנים קלאָהר און קלוגעבדיג... אויף די ליפּען ליגט שטענדיג אַ גוטער, זיסער שמייכעלע... עס איז איהר געווען שווער צו שיידען זיך מיט איהם...

אָבּער מענדיל האָט איהר געשריבּען די ערשטע צייט אַזוינע ווארעמע בריוועלעך, אַז עס איז שוין כּדאי געווען צו ליידען פון די צושיידונג... מיט'ן מויל וואָלט ער אַזוינס איהר קיינמאָל נישט געזאָגט... און יעדער בריעף האָט ''איהר געטרייסט, אַז אויף פּסח קומט ער צופאָהרען. ער וואָלט געקומען פריהער, אויף אַן אַנדער יום-טוב, אָבּער דער סוחר ראַפּאָפּאָרט לאָזט איהם נישט אָב... ער איז זיין רעכטע האַנד געוואָרען...

מיט דער גרעסטער אונגעדולד האָט די יונגע זעלדע געוואַרט אויפ'ן ערשטען פּסח...

ענדליך איז געקומען פּסח און מיט איהם איהר מאַן מענדיל... נאָכ'ן ערשטען שלום-עליכם וצוקושען זיך האָט מען נישט

געקאנט, ווייל א שכנה איז גראד געווען אין הויז, האט זעלדע א ביסעל שמעהדיג,—וואס האט איהר אבער צוגעגעבען מעהר חן— אנגענומען מענדל'ען פאר'ן האנד, איהם צוגעפיהרט צום וויגעלע, וואס איז געשטאנען אין א ווינקעל פון שלאף-צימעריל און איהם אנגעוויזען אויפ'ן יאהריגען קינד, וואס איז געלעגען און זיך געשפיעלט מיט די קליינע צונויפגעדריקטע פויסטעלעך.

מענדיל האט עס אנגעקוקט מיט א ליעבען שמייכעלע, גענומען עס אויף די הענד און לאכענדיג געזאגט:

— איך דערקען עס גאר ניט... אוועקפאהרענדיג איז עס געווען אלט איינאנצען א מאנאט... ווי רופט מען זי... כ'האב שוין פער-געסען...

— ניטקעלע, הייסט זי...—האט די מוטער מיט שטראהלענדע אויגען געזאגט...

— אך, יא, ניטקעלע... נאך דיין באבע'ן, דאכט זיך...

— יא,—האט זעלדע מיט גרויס חן געענטפערט.

דער פסח איז אוועק אין איילעניש. מענדיל, וועלכער איז געווען א גרויסער בעל-משפחה, איז א גאנץ יום-טוב געווען פערנומען מיט געהן צוגאסט און אויפנעהמען געסט... זעלדע'ן האט עס זעהר פאר-דראסען, אבער זי האט נישט געהאט קיין העזה איהם אבצוהאלטען, און אזוי איז מענדיל א גאנץ יום-טוב געווען מעהר פאר לייטען ווי פאר איהר און פאר'ן קינד...

מוצאי-יום-טוב האט זיך שוין מענדיל געפאקט אין וועג...

זעלדע איז געשטאנען מיט אראבגעלאזטע הענד און געזיפצט:

— שוין פאהרסטו אוועק?...

— יא, מיין גאלד... דער סוחר האט מיר אנגעזאגט, אז גלייך נאך יום-טוב זאל איך צוריק קומען אין וואלד... עס איז דא א סך, א סך ארבייט...

אין עטליכע מאנאטען ארום איז זעלדע טראגענדיג געווארען...

די שכנות פון גאס האבען געקוקט אויף איהר און גע-שמייכעלט...

— דער מאן איז נישטא, און זי, פונדעסטוועגען...

— וואס הייסט—האט בעמערקט א צווייטע שכנה—ער איז דאך פסח געווען אין דער היים, חע, א ביסעל...

זעלדע האט געוואוסט, אז מען רעדט וועגען איהר נישט קיין שלעכטס. אז מענדיל איז פסח געווען אין דער היים האט דאך דאס גאנצע שטעדטעל געוואוסט, פונדעסטוועגען איז איהר „די לאגע" געווען ווי אומבעקוועם, און זי האט זיך געשעהמט צו ווייזען אין גאס...

געהאפט האט זי אבער, אז ווען זי וועט געלעגען ווערען, וועט ער קומען... עס וועט אפילו אויסקומען פאר פסח, אבער ער וועט מוזען קומען... און טאמער א ברית...

צום שלים-מזל אבער איז דאס צווייטע קינד אויך א מיידעלע געבארען געווארען... זעלדע האט איהם געלאזט טעלעגראפירען.

ער האט געענטפערט צוריק מיט א טעלעגראמע, אז ער ווינשט איהר א מזל-טוב און אז ער האט איהר ארויסגעשיקט געלד.

און נאכדעם האט ער איהר געשריבען זעהר א לאנגען און א היימישען בריעף און געטרייסט איהר, אז אויף פסח קומט ער צו-פאהרען.

קומענדיג אויף פסח, האט מענדיל שוין געטראפען צוויי קינ-דער... דאס ערשטע, ניטקעלע, איז שוין ארומגעגאנגען, אז ער האט זי אבער דאס ערשטע מאל גענומען אויף די הענד, האט זיך דאס קינד דערשראקען פאר זיין שווארצע באָרד און גרויסע שווארצע אויגען... זי האט ארויסגעלאזט א שרעקליכען געוויין און מענ-דיל האט זי געמוזט אראבלאזען צוריק מיט א זיפץ...

דאס צווייטע קינד איז שוין געווען אלט ביי פינף וואכען... זעלדע האט מענדל'ען פערזיכערט, אז עס לאכט שוין. מענדיל אבער האט נישט געוואלט גלויבען. ער האט געוואלט עס זעהן מיט זיינע אייגענע אויגען. זעלדע האט דאס קינד געקיצעלט, געשמוטשערט צו איהר אויפ'ן קינדערשען לשון: אומזיסט אבער, דאס פינף-וואכיגע מיידעלע איז געווען שטרענג ערנסט און קיין שום שמיי-כעל האט זיך נישט בעוויזען אויף איהרע ליפעלעך...

— זי וועט שוין שמייכלען... האט מענדיל זעלדע'ן געטרייסט...

— ניין, האט זעלדע'ן באנג געטהון, עס איז א פערדראסי-גע זאך—אט דא נישט לאנג האט זי ביי מיר געשמייכעלט... איצטער דוקא נישט...

— נו, קיין בייז נישט—האט מענדיל זי ווידער בערוהיגט... איך גלויב דיר...

און מיט די ווערטער איז ער ארויס אין צווייטען צימער...

• •

•

אזוי האבען זיך געצויגען יאהרען... מענדיל, א דאנק זיין וויכ-טיגע שטעלע, וואס ער האט פערטראטען אין וואלד ביים סוחר ראפאפארט, האט מעהר ווי איינמאל א יאהר—אויף פסח—אהיים נישט געקאנט קומען, אויסער דאס איינציגע מאל, ווען זעלדע האט גע-בארען א יונגעלע, נאכדעם ווי זי האט שוין געבארען פיער מיי-דעלעך...

דאמאלס איז ער געקומען בלויז צום ברית און האט זיך שטארק משמח געווען און איז אבער באלד צוריק אוועקגעפאהרען.

די איבריגע קינדער זענען ביי איהר אבער אלץ מיידלעך געבארען געווארען... און צו די מיידעלס געבורט פלעגט מענדיל בלויז יוצא זיין מיט א „מזל-טוב" דורך א טעלעגראמע...

אויף אזא אופן איז אין פערלויף פון צוואנציג יאהר מענדיל גע-ווען א טאטע פון דרייצעהן קינדער...

בעקומענדיג א הוספה פון סוחר פאר יעדען ניי-געבארענעם קינד, איז מענדיל'ס געהאלט געוואקסען אין די הונדערטער...

— אויב אזוי—האבען די ארימע בעלי-בתים געשמועסט צווישען זיך—איז שוין כדאי צו קינדלען... א קלייניגקייט, אז פאר יעדען קינד בעצאהלט מען...

זעלדע אבער איז נישט געווען בעזאנדערס צופריעדען... מענ-דיל קאן גאר נישט די קינדער... ער איז א פסח'דיגער מאן און א פסח'דיגער טאטע... קומט צופאהרען אויף פסח, און ציקושענדיג זיך פריהער מיט איהר, נאכדעם מיט די קינדער, וואס דאס עלטסטע איז שוין ביי ניינצעהן יאהר, הויבט ער זיך אן צו טומלען אין די נעמען...

— נו, וואס מאכסטו, באשקעלע?—פרעגט ער דאס 12-יעהריגע מיידעלע.

דאס מיידעלע לאזט אראב די אויגעלעך און שווייגט.

— פארוואס-זשע שווייגסטו, באשקעלע?—נעהמט ער זי אן פאר'ן בעקעלע.

— איך בין נישט באשקע—ענטפערט דאס קינד נאך מעהר פערשעמט....

— ווער-זשע דען ביסטו?—פרעגט ער צומישעלט.

— איך בין טעמע... טעמע רופט מען מיך...

— אה, יא, איך האב מיך טאקע טועה געווען...—פערענט-פערט זיך מענדיל—אזוי, ביסט טעמעלע, הייסט עס... וואו-זשע איז באשקעלע?...

עס לויפט צו א צווייטע מיידעלע, יונגער מיט א יאהר, און

פאַלט צו צום טאַטע'נס קניע:

— איך בין באַשקעלע... מיך רופט מען באַשקעלע...

— יאָ, יאָ, איך דערמאָהן זיך...

זעלדע שטעהט דערביי און ווישט זיך די אויגען:

— אַ טאַטע, שטיינס געזאָגט, ווייס נישט אַפילו ווי אַזוי מען רופט זיינע קינדער...

מענדיל ווערט גערירט, נעהמט זי אָן גוטמוטיג פאַר'ן האַנד און ענטפערט:

— וואָס-זשע קאָן מען מאַכען, מיין זעלדעלע... אַבי דיין נאָמען ווייס איך...

און דער פסח'דיגער מאַן צוקושט זיך מיט זיין פסח'דיגע ווייב.

די קינדער קוקען אָן די סצענע פערוואונדערט:

— אַ פרעמדער יוד קושט דייער מאַמע...

און די צולויפען זיך פערשעמט אין די ווינקעלעך...

ש. טרײַסטמאַן.

* * *

עס טרינקט דער וואַלד
אין צויבער-גלאַנץ
אין ס'פלעכט זיך שטיל
פון גאָלד אַ קראַנץ.

אין מערב גליהט
דער פּורפּור-רוים
אין גאָלד פערהילט
איז יעדער בוים...

אַ סוד פערוועבט
דעם וואַלד אַרום
אין לופטען שוועבט
אַ בענקטאַפּט אום.

אַ שאָד דער טאָג
ער לעשט זיך שוין
אַ שאָד די זון —
די שטראַהלען-קרוין.

פנחס גראָבאַרד.

# גרים.

(פון רייזע ביכעל).

איך האָב שפּאַצירט איבער די שמאָלע אַראַבישע געסלעך אין דער שטאָדט לוד. אין אויסגעהאַקטע פּיערקאַנטיגע לעכער זענען געזעסען די סוחרים די פּיס פערלעגט הינטער זיך, די סחורה צולעגט דערנעבען. אין מיטען גאַס האָט אַ פייער זיך געפלאַקערט, אײנער האָט אַראַביש ברויט געבאַקען, אַ צווייטער האָט אויף אײזערנע שפּיזלעך שטיקער פלייש געבראָטען און פערשפּרייט אַ אונאַנגענעהמען ריח אין געסעל, אויף דער גאַס זענען באָרוויסע יונגלעך אַרומגעלאָפען און געזונגען פערשידענע אַראַבישע פאָלקסלידער. די פרויען מיט „פּשעטעקעס" אויף די קעפּ און פערדאַנגענע געזיכטער זענען פון שייער צוריקגעגאַנגען, אַ גאַסען-זינגער מיט אַ שלאַנג אַרום האַלז האָט פערשידענע קרענקער אין רפואות פערקויפט, בעוויזען פערשידענע קונץ-שטיק. די פאַרבייגעהענדע האָבען איהם צוגעוואָרפען מעטאַליקעס (אַ טערקישע מטבע).

אין עק געסעל, ביי אַנאַלט אײנגעפאַלען הײזעל, איז אַן אַלטער אַראַבער געזעסען, אַרומגערינגעלט מיט אַ גרויסע צאָהל קינדער. און מיט אַ קלאָגעדיגע שטימע אויף אויסווענדיג געלערנט מיט די קינדער דעם קאַראַן. די טרויעריגע שטימע, וואָס האָט זיך צוגאָסען איבער'ן געסעל און זיך אַריבערגעטראָגען אויף די בערג, האָט אין מיר געוועקט אַלטע זכרונות, פערגאַנגענע און פערזונקענע געדאַנקען, בין איך אַרויס אויס'ן וועג, וואָס פירט קיין רחובות.

אויפ'ן וועג האָב איך זיך בעגעגענט מיט אַ הויכען מאַן, אַ פעסקע איפ'ן קאָפּ, גראָבע גראָע וואָנסען, דאָס געזיכט גלאַט ראַזירט מיט ברייטע אַראַבישע הויזען און אַראַבישע שטעק-שיך. מיר האָבען זיך בעגריסט.

מיר בעקענען זיך, ער גייט אויך קיין רחובות, עס וועט זיין פרעהליכער, דער אײנזאַמער וועג צווישען גערטנער און בערג. מיר צורעדען זיך, ער איז צופרידען, וואָס ער האָט געטראָפען אַ יודען פון רוסיש-פּוילען, ער איז אויך פון דאָרט דערצעהלט ער מיט אַ זיפץ.

פון דערווייטענס דערטראָגען זיך די טענער פון קירכען-קלאַנג, און די נאָהנטסטע שטאָדט רמלה קלינגען די גלאָקען און דער פּראַוואָסלאַווער קירך. מיר ווערען שטיל. עפּיס האָט זיך ביי אונז עפּיס ווי אָפּגעריסען, ווי די זעלבע שווערע געדאַנקען וואָלטען אונז געדריקט.

אַ שטיק וועג זענען מיר אָפּגעגאַנגען שווייגענדיג. נאָכדעם הויבט ער אָן, שטיל, טרויעריג מיט גרויסע אָפענע אויגען געווענדעט הייט-ווייט—צו די שפּיצען בערג, וואָס זעהען זיך פון דערווייטענס.

— אַכט יאָהר בין איך דעמאָלט אַלט געווען. אין אַ געדיכטע פינסטערע נאַכט האָט מען מיך אַריבערגעטראָגען די רוסישע גרעניצען אין רומעשען שטעדטעל יאַס. מען האָט מיך געוואָלט אָפּגעבען פאַר אַ קאַנטאָניסט, האָט מען מיך אָפּגעריסען פון מיינע טייערסטע און נאָהנטסטע קרובים. ווער ווייסט צי לעבט נאָך מיין פאָטער, ווען מיין מוטער איז געשטאָרבען.

גרויסע שווערע טרעהרען האָבען זיך געקייקעלט איבער'ן געזיכט, עפּיס האָט איהם געשטיקט און ווייטער אָנגעהויבען:

— פון דעמאָלט-אָן האָט זיך פאַר מיר אָנגעהויבען אַ שרעקליך לעבענספון אַ נע-ונד, שטענדיג געזוכט ווי דעם קאָפּ אַהינצולעגען, אַ שטיין אין מיטען וועג איז וועדר אָפט געווען מיין צוקאָפּענס.

— פאַר מיינע אויגען האָבען זיך געצויגען לאַנגע, לאַנגע יאָהרען פון ליידען און פּיין, הונגער און קעלט, ביז כ'בין ענדליך אַהער געקומען אין הייליגען לאַנד.

איבער'ן לאַנגען וועג האָט זיך צוגאָסען אַ שטיל ליידענדיג חליפען, וואָס האָט וועדר געדריקט מיין האַרץ.

— איצט גייה איך קיין זכרון יעקב, דאָרטען האָב איך אַ סך בעקאַנטע קאָלאָניסטען, אויסגעוואַנדערטע פון רומעניען, דאָרטען וועל איך שוין אָפּלעבען מיינע לעצטע יאָהרען.

מיר זענען שוין נאָהנט צו רמלה, מיר טרעפען-אָן עטליכע יונגע-

לייט, וועלכע געהען אויף שבת קיין רחובות, מיר פעראייניגען זיך און בעשליסען אויסצומיידען רמלה און מיט א שמאָלען קרומען וועג צו געהן צום וועג, וואָס פיהרט גלייך קיין רחובות.

איינער פון אונז בעמערקט פון דערווייטענס א מענשען. ביסלעכווייז דערנעהנטערט ער זיך און פאַר אונז וואַקסט־זיך א ברייט־ביינערדיגער פאַרשוין, א געדיכטע בלאָנדע באָרד, דאָס העמד אויסגעשפּילעט, דאָס האַרץ ענטבלויזט, איז ער מיט לאַנגזאַמע טריט אַלץ מעהר דערנעהנטערט געוואָרען צו אונז.

עמיצער פון אונז דריקט אויס זיין פערוואונדערונג.

— פון וואַנען קומט דאָ אַהער אַזאַ ריעזיגער „קאַצאַפּ“?

— ער דיענט מסתמא אין דער רוסישער קירכע אין רמלה, ענטפערט א צווייטער.

מיר זענען געבליבען שטאַרק פערוואונדערט, אַז מיר האָבען דערהערט, אַז דער עכט־רוסישער טיפּ האָט אונז בעגריסט מיט אַ ריינעם:

— שלום.

נאָכדעם פרעגט ער אונז אויף רוסיש, צי ער וועט נאָך אָנקומען פאַר זון־אונטערגאַנג קיין חולדה, אַ פערמע פון נאַציאָנאַל־פאָנד. דאָרטען רעכענט ער צו פערבלייבען רוהען שבת.

אונז אַלעמען האָט שטאַרק פעראינטערעסירט דער טיפּישער וואַנדערער. מיר האָבען זיך אָבער יעדער געאיילט אָנצוקומען פאַר זון־אונטערגאַנג צו אַ מקום־מנוחה, צו האַלטען שבת.

---

אין בן־שמן, האָב איך זיך אויך בעקאַנט מיט אַן אַרבייטער, וואָס מען רופט אין דער גאַנצער געגענד: „גר“. דאָס איז איינער פון די פלייסיגסטע פעלד־אַרבייטער, ער איז שוין עטליכע יאָהר אין פּאַלעסטינא, און ווערט דורך אַלעמען שטאַרק געשעצט.

דער „גר“ איז אַ געבוירענער פון אַסטראַחאַן, אַלס קינד האָט אידם דער פאָטער מגיר געוועזען, קיין העברעאיש האָט אידם דער פאָטער נישט געלערנט, קיין יודישע מנהגים און דינים האָט'ר נישט געוואוסט. אין דער היים האָט ער זעהר פיעל געליטען, מען האָט אידם שטאַרק פערפאָלגט, ער האָט זיך נישט געקאָנט אויסבעהאַלטען מיט זיין יודישקייט. ערשט, ווען זיין ווייב איז אידם געשטאָרבען, האָט ער פערקויפט דאָס פעלד און הויז, גענומען די צוויי זיהן און אַהער געקומען קיין ארץ ישראל. דאָ האָט ער זיך אויסגעלערנט עטליכע העברעאישע ווערטער. די זיהן קאָנען גאָר גוט לשון קודש, אַרבייט דאָ שווער אויפ'ן פעלד און איז גליקליך פון זיין גורל.

מיינס אַ בעקאַנטער האָט מיר פון דעם „גר“ איבערגעגעבען אַ כאַראַקטעריסטישען פאַקט. אין דער אַרבייטער־קיך גרייטען די אַרבייטער אַליין דאָס עסען, יעדען טאָג אַ צווייטער. איינמאָל איז אויסגעקומען גראָד אום שבת די ריי'הע אויפ'ן „גר“. ער האָט זיך געפיהלט אין זעהר א שלעכטער לאַגע, זינט ער איז אין ארץ ישראל היט ער זיך אָפּ פון מחלל שבת צו זיין. מיין בעקאַנטער האָט אידם דעמאָלט פערטראָטען, און פון דעמאָלט קאָן אידם דער „גר“ נישט פערגעסען די גרויסע טובה.

אין עטליכע טעג אַרום האָב איך דעם „גר“ ווידער געטראָפען אויפ'ן וועג פון ירושלים קיין בית־לחם. נעבען וואָקזאַל האָב איך אידם בעגעגענט. ער האָט זיך מיט מיר שטאַרק דערפרעהט און דערצעהלט, אַז ער איז געקומען אַהער זיך זעהן מיט זיינע קינדער, איינער לערנט ביי אַ סטאָלאַר און דער צווייטער, יונגערער, לערנט נאָך אין אַ תלמוד־תורה. איך האָב אידם פערבעטען צו מיר קומען אין האָטעל אויף שבת.

אין עטליכע שעה אַרום איז ער צו מיר געקומען צוזאַמען מיט זיינע זיהן אין האָטעל „כרמל“, וואו איך האָב געוואוינט.

דאָס איז געווען איינע פון די וואונדערבאַרסטע סצענעס אין מיין לעבען.

גלייך ווי דער „גר“ איז געקומען אין ארץ ישראל, האָט ער די קינדער אַוועקגעגעבען לערנען. איצט נאָך פיעל יאָהרען האָט ער זיי אָבגענומען. איינער איז אַלט 14 יאָהר, דער צווייטער זיעבען יאָהר זיי רעדען גוט העברעאיש. דער פאָטער אָבער קאָן נור עטליכע ווערטער, דאָס איבעריגע רעדט ער רוסיש.

דער פאָטער דריקט צערטליך זיין יונגסטען זוהן, גלעט אידם. דאָס קינד קוקט פערלעגען, עפּיס שרעקט ער זיך, טוליעט זיך צום עלטערען ברודער, און פרעגט קינדיש:

— דאָס איז דען אונזער פאָטער?

ער קאָן די ירושלים'ער יודען, זיי זעהען אויס גאָר אַנדערש; נישט אַזוי מגושם, הויך, גראָב. רעדען לשון־קודש, נישט אַזאַ פרעמדע שפּראַך.

דער „גר“ האָט זיך אַוש צווויינט, איך בין דאָך דיין פאָטער, איך האָב געקויפט אַ שטיקעל ערד אין רפיא, וועלען מיר זיך דאָרטען בעזעצען. איך וועל זיך אויסלערנען גוט רעדען לשון־קודש, וועלען מיר זיך פערשטעהן.

איך האָב געפיהלט, אַז מיין געגענוואַרט שטערט דעם פאָטער אויסצודריקען זיינע צערטליכע פאָטערליכע געפיהלען פאַר די קינדער, און האָב זיי איבערגעלאָזט אַליין אין צימער.

אין אָוונד בין איך צוריק געקומען און געטראָפען דעם פאָטער אַ גליקליכען, שטראַהלענדיג פון פרייד, די קינדער זענען געווען מונטער און כסדר געקוקט אויף זייער וואונדערבאַרען פאָטער. מיר האָבען זיך געזעצט צום טיש, דער „גר“ האָט קדוש געמאַכט אויף רוסיש און איז געווען זעהר אויסגעלעגט בשעת דער סעודה, גערעדט, ווי אַזוי ער וועט זיך איינאָרדנען אין זיין קאָלאָניע.

דעם גאַנצען שבת האָט ער כסדר געטענה'ט מיט די קינדער אויס'ן וואונק און אויף רוסיש, אַריינגעמישט לשון־קודש'ע ווערטער און געפיהלט העכסט גליקליך.

בתי־ה.

## ס'איז אומעטיג אין מיין ווינקעלע...

ס'איז אומעטיג אין מיין ווינקעלע
מען זעהט נור דאָרטען טרעהרען גיסען
שוואַרצע קראָען־געזאַנגען פליסען...

ס'איז אומעטיג אין מיין ווינקעלע,
ס'לייכט נישט קיין איינציגער שטראַהל פון פרייד,
אַלץ וואָס בעליעבט האָט דער ווינד צושפּרייט...

ס'איז אומעטיג אין מיין ווינקעלע
נישטאָ קיין געטריייע נשמה,
וואָס זאָל שענקען ליעבע נחמה.

ס'איז אומעטיג אין מיין ווינקעלע,
איינזאַם פון אַלע פערלאָזען,
פון לילען... און דערנער פון ראָזען.

רחל פײַגענבערג.

# אַלע גלײַך.

(סקיצע).

אַ זומער־טאָג איז עס געװען.

אַ העלער ליכטיגער זומער־טאָג. ברוך דעם גראָיסענס אַלטע שטוב האָט די צעפֿילטע װענד אויף דער זון געװאַרימט. מיט פֿריִערן מאָך האָט געגרינט דער דאַך און אונטער די פֿענסטער האָבן זיך פֿערבליהטע באַרען־בוימלעך געװיגט. אַ גאָלדענער זונען־שטראַהל האָט, װי תמיד, אַרום שטוב געבלאָנדזעט, װי ער װאָלט געזוכט אָפֿענע טהירען און פֿענסטער און אַז דער גרױסער שטאָלצער טאָג האָט זיך צו דער שטאָדט פֿערנויגט, האָט דער שטראַהל צום פֿענסטער פֿון מערקעס צימער געטראָפֿען און איז אָפֿט געפֿאַלען, װי אַ בין־גאָלדענע שטײַנגע, אויף אַ מײדעלשען בע'חנ'טען פּנים, אָדער אַ געטאָקטע צאַרטע האַנד פֿון װײַסען באַטיסט אַרוים.

אַ זומער־טאָג איז עס געװען.

מערקע איז געשטאַנען בײַם פֿענסטער מיט אײן אױג געװענדעט צום פֿערבליהטען סעדיל און דעם לינקען אויער שטאַרק אָנגעשטרענגט צו דער טהיר. זי האָט געמײנט הערען, װאָס טאַטע און מאַמע רעדען דאָרטען אין'ם אַנדער חדר. מען האָט גערעדט װעגען דאָװידקע'ן.

— אַן אײַנשטעלעניש פֿון אַ בחור! — האָט ברוך געשטאַמעלט, אַרומשפּאַנענדיג הין און צוריק איבער'ן צימער און שפּרה, זיצענדיג מיט פֿערבראָכענע הענד אויפ'ן קאַנאַפּע, האָט גערעדט שטיל, װי צו זיך אַלײן:

— נו, מען װײס דאָך װער ער איז... סעריל די בעקערין... ער זאָל מיר מוחל זײַן, האָט זיך אַרומגעשלעפּט איבער'ן דאָרף...

— נאָר אַ בריה, אַ יונג איז ער זיך.

— קאָן קוים דאַװנען—האָט שפּרה געזיפֿצט.

— אָבער אַ װײַב װעט בײַ איהם לעבען, װי אַ פּריצ'טע. אַ קלײנינקײט הײַנט שלאָכערײַ! ס'רעכענט זיך פֿאַר אַנ'אײדעלע מלאכה.

די לעצטע װערטער האָט ברוך אַרויסגערעדט, װען ער איז שוין געשטאַנען בײַ דער װאַנד מיט'ן פּנים צום פֿענסטער, נאָר דערהערענדיג אונטער'ן פֿלײצע שפּרה'ס אַ זיפֿץ, איז ער װײַטער אַװעק מיט ברײטע טריט איבער'ן שטוב און האָט אָנגעהויבען טענה'ן מיט אַ ירגזון, װי זײַן שטייגער איז געװען:

— און די בהמה װײנט שוין! איך זאָג נישט, אַז מען דאַרף איהם אויסחאַפּען, נאָר זיך מישב זײַן שאַדט נישט. הײַנט זענען בעלי־מלאכות אין דער מעלה. און מיט װעמען ביסטו עס הײַנט בעװאָרענט. אָט האָסטו זיך אויסגעטהון פֿון העמד צוליעב דער עלטערער און װאָס האָסטו אויסגעפֿיהרט? פֿערטראָגען דעם קאָפּ עבר לים. װײסט װאָס ער טהוט דאָרטען? אדרבה, זאָג...

שפּרה האָט עפּיס געמורמעלט אין דער שטיל, נאָר קײן װערטער איז נישט געװען צו הערען.

— מען שרײַבט דיר עפּיס אַ סך פֿון די געשעפֿטען? אין זאָגען דיר, װיל איך גאָר ניט װיסען. איך פֿרעג נישט נאָך און איך װיל נישט מען זאָל מיר דערצעהלען.

— חאָטש נישט פֿאַר די אויגען—האָט איהם װידער דעריאָגט שפּרה'ס אַ זיפֿץ.

זײַן קול איז געװאָרען װײכער.

— ביסט אַ נאַרישע יודינע. מען טאָר גאָר אַזױ נישט רעדען. דײַן אײגענער טאַטע װאָלט דיר אַזעלכע װערטער נישט פֿערשװײגען. װײסט, װאָס דײַן טאַטע פֿלעגט זאָגען. ראובע'לע דער דין, װײסט װאָס ער פֿלעגט זאָגען? ער פֿלעגט זאָגען, אַז, די װעלט דאַרף זיך אויסגלײַכען!

דאָ האָט שוין שפּרה נישט אויסגעהאַלטען און האָט זיך צעװײנט אויף אַנ'אמת'ן. נאָר דער אַלטער ברוך האָט אַרומגעשפּרײזט איבער'ן שטוב װי פֿריהער און האָט אַלץ געטענה'ט מיט היץ:

— ער ד"ל אַלײן! זײַנע װערטער! בעלי־בתים, מלמדים, בעלי־מלאכות—אַלע גלײַך! פֿון זײַן מויל געהערט.

מערקע'ן, װעלכע איז געשטאַנען בײַ זיך אין צימער צוגעשוליעט דעם לינקען אויער צו דער װאַנד, איז דער דאָזיגער אײנפֿאַל שטאַרק געפֿעלען געװאָרען. זי האָט דעם זײדען נישט געדענקט און האָט זיך נישט געקאָנט פֿאָרשטעלען ער זאָל זײַן אַזאַ חכם. מיט אַזױ פֿיעל יאָהרען צוריק האָט ער נאָך דעמאָלט פֿערשטאַנען, אַז אַלע דאַרפֿען זײַן גלײַך. אַנדערש, װי װאָלט זי, מערקע, געקאָנט אַזױ ליעב האָבען דאַװידקע'ן? יאָ, דער זײדע איז געװען אַ גרױסער חכם און אומזיסט װײנט זי, די מאַמע. פֿערשטעהט זי דען נישט אַלײן, אַז די װעלט דאַרף זיך אויסגלײַכען?

נאָר שפּרה האָט עס װירקליך שלעכט פֿערשטאַנען, װײַל אַנדערש װאָלט זיך פֿון װאַנען גענומען די ספּאַזמעס איהרע?? איצט אין מיטען זומער. ס'איז װאַרים און טרוקען, די לופֿט איז פֿריש, טהיר און פֿענסטער זענען אָפֿען—און צװײ מאָל האָט זי יענעם טאָג איהרע ספּאַזמעס בעקומען. װײַטיגע מענשען האָבען געמײנט זי שטאַרבט שוין.

לסוף האָט זיך שפּרה אונטערגעגעבען. עטליכע טעג האָט עס געהיערט און די ספּאַזמעס האָבען זי אָבגעלאָזען ביסלעכװײַז. זומער איז עס בײַ איהר פֿון אַלע יאָהרען געװען אַ געלעכטער. אין אין אַ פּאָר װאָכען אַרום, װען אַלצדינג איז שוין געװען אויף אַ דרך און דער אַלטער גרױסער ברוך האָט שבת־צו־נאַכט אַרײַנגערופֿען עטליכע מענשען אויף אַ קנין, איז זי שוין געװען אַ פֿערהאַװעטע מחותנת'טע נאָר לײַטען גלײַך. אַלצדינג האָט געמיזט זײַן אויפ'ן אויג. די גאָלדענע לעפֿעלעך, דער אַלטער זילבערנער בעכער, װאָס איהר טאַטע, ר' ראובע'לע דער דין, האָט אויף איהם קידוש געמאַכט און די געפֿלעגעלטע בראָש מיט דער קײטעל זענען אויך עולה לגדולה געװאָרען.

אַ ביסעל איז זי נור מבולבל געװאָרען, װען עס איז פּלוצלונג ברײט אַרײַנגעקומען דעם חתנ'ס מאַמע סעריל די בעקערין, אַ רויטע, װי אַ צװיק, אָנגעטהון אין אַ װײַסע קאַטינענע קאַפּינקע מיט אויסגעשטעלטע אויערען. אַ נס נאָך, װאָס מערקע איז אונטערגעשפּרונגען און האָט צוגענומען דעם גאַסט אין איהרע הענד אַרײַן, װען נישט, װאָלט אפשר שפּרה דאָ געחלש'ט אויפ'ן אָרט. נאָר אַזױ איז עס איהר אַראָב גלאַט. זי האָט זיך נור אין קיך אַ ביסעל אויסגעהוסט און איז צוריק אַװעק סערװירען, װי פֿריהער. סעריל איז געזעסען אין סאַליע ברײט צולעגט אויפ'ן קאַנאַפּע נעבען אַ קלײנעם טישעלע, װעלכען מערקע האָט איהר צוגעשטעלט מיט אַלערלײ גוטע זאַכען. זי האָט געװוּסט צו קאַפּעלעך, געקײַט געשמאַק און בעלעקט זיך. נאָר שפּרה'ן האָט עס שוין נישט געאַרט. זי איז געזעסען דרכאויס פֿערנומען מיט'ן מאַנסבילשען טיש.

ברוך איז געזעסען אויבען־אָן אַ שײַנענדיגער מיט אַ זײַדענער יאַרמעלקע אַרויפֿגערוקט איבער'ן קלאָרען גרױסען שטערען און נעבען זײַן רעכטער האַנד איז געזעסען דאַװידקע אַרומגעװאַשען און אַרומגעגאָלט, גאָר אַ יום־טוב'דיגער, נאָר ער האָט זיך געפֿיהלט נישט גוט, װאָס מיט איהם, דעם בעקערס זוהן, דעם בעװאוסטזיניגען [illegible]

אַרבייטער מאַכט מען דאָ אַזעלכע נאַרישע צערעמאָניעס און אויף מערקען אַליין האָט ער געמוזט יעדעס מאָל וואַרפן אַ בליק פון דער זייט אַרום, ווי אַ גנב, קוקנדיג אויף די בלויע לאַצן פון זיין אייגענעם פּענדזשאַק, הגם וואָס ס'האָט זיך איהם געדאַכט, אַז איטער הענטל קאַפּאָטעלע האָט איין אַרבעל אַוועקזען אין דעם אַנ-דערן אַ בלויען.

דער אַלטער גרויסער ברוך האָט גערעדט מיט גדלות, ווי איהם שטייט אָן, נאָר זיין קול איז געווען ווייך און האָט זיך געבויגען אין אַלע זייטען.

— איך מאַך עס בקיצור—האָט ער אָנגעוויזען אויפ'ן קליין גראַפינקעלע בראַנפען—הייַנטיגע קינדער האָבען פיינט דעם טומעל און אפשר ווענען זיי טאַקע קליגער פאַר אונז אַלטע לייט. אַט ווילען זיי ביידע שטעלען אַ חופּה, ערגעץ אויף אַ סטאַנציע און אָבגע-פּטור'ט די חתונה. און מיין אַלטע זאָגט, אַז דאָס איז אַ שכל גדול. גאָר פשוט, צו אַ שמחה דאַרף מען האָבען אַ ביסעל כח און דאָס איז נישט נאָך איהר יכולת. און וואָס טהוט מען מיט אַ יודענע? איהר ווילט נור אַ חופּה, זאָל זיין ווי איהר זאָגט.

— אַ גלייכע זאַך, מחותן, אַ גלייכע זאַך—האָט זיך אָבגערופען פון דער זייט אַ הייזעריגער ווייבערשער קול. סעריל, זיצענדיג די גאַנצע צייט מיט אַ פעטען נחת-שמייכעלע איבער'ן גאַנצען פּנים, האָט געפונען פאַר נייטיג אַריינצומישען זיך אין די רייד. דער עולם פון טיש האָט זיך איבערגעקוקט און דער בעל-הבית איז געבליבען זיצען מיט אַראָבגעלאָזטע ברעמען. נאָר אין דער מינוט איז אַריינ-געקומען מיט אַ ברייטען מזל-טוב דאַהיגעס אַמאָליגער בעל-הבית מלך דער בלעכער און אין טיש איז ווידער אַוועק אַ שמועס.

מלך, אַ גראָבליך לעבעדיג מענשיל מיט אַ ברייטער צובאַר-שטענער באָרד, ווי אַ בעזים, האָט אָבגעשטעקט דעם מחותן אַ שלום-עליכם, דאַהינקען אַ קלאַפּ איבער דער פּלייצע און האָט זיך גלייך גענומען פאַר'ן גלעזיל. ברוך איז ווידער געוואָרען אויפגעלעגט. מיט ר' ראובעלעס בעכער אין האַנד האָט ער זיך ווידער געווענדעט צום עולם:

— העדם איהר, רבותי, דאָס איז דעם שווער'ס כוס! ער, ד"ל, האָט אין איהם קידוש געמאַכט. שוין אַכט און צוואַנציג יאָהר, אַז די כלי איז ביי מיר און שטיבּ. אַכט און צוואַנציג יאָהר און ווי ערשט וואָלט דאָס געווען. ווען איך נעהם די דאָזיגע כלי אין האַנד מוז איך זיך דערמאָהנען אָן זיינע ווערטער. איהר געדענקט, רבותי, וואָס דער שווער, ד"ל, פלעגט זאָגען? איהר געדענקט? ער פלעגט זאָגען, אַז די וועלט דאַרף זיך אויסגלייכען!

אַ הויכער אויסגעצויגענער יוד מיט אויסגעלאָשענע אויגען איז אויפגעשטאַנען פון אָרט און האָט געגעבען אַ שאָקעל מיט'ן לאַנגען קאָפּ: איך געדענק! ביי די גרויסע מחלוקת'ן איז עס געווען. בעת מען האָט געבויט דעם נייעם בית-המדרש. דער רבי, ד"ל, איז נאָך מנחה, אַרויף אויפ'ן בימה, זיין קול האָט געציטערט: ברידער, קריגט זיך נישט פאַר שטעדט. ביי גאָט ווענען אַלע יודען גלייך!

— אמת, ר' לויק! דאָס האָט ער, ד"ל, געמיינט. אין די ווערטער ליגען גרויסע סודות... די וועלט דאַרף זיך אויסגלייכען... עס געדענקט דערצו. אַנדערע צייטען. בעלי-בתים, מלמדים, בעלי-מלאכות, אַלע גלייך!

מלך איז דערווייל געשטאַנען מיט אַ פיל גלעזעל אין האַנד, האַר-פּענדיג אויגען דאָ אויף דעם, דאָ אויף יענעם, אַזוי ווי ער וואָלט געפרעגט: וואָס וויל ער דאָ? לסוף האָט ער נישט אויסגעהאַלטען און געגעבען אַ בראַך אַריין!

— לחיים ברידער!

— לחיים! לחיים!—איז אין טיש געוואָרען אַ טומעל און מלך האָט דערווייל אַריינגעקערט ביז'ן דעק איין כוסה, די אַנדערע און ביי דער דריטער האָט ער שוין אויך געשריען: בעלי-בתים, מלמדים, בעלי-מלאכות, אַלע גלייך.

סעריל האָט זיך דערווייל ווידער אַריינגעמישט צווישען די מאַנסבילען. דאָס מאָל איז איהר איינגעפאַלען אויסצוציהען די לאַנגע ביינינע האַנד איבער דעם אַלטען ר' לויקס קאָפּ און געבען אַ חאַפּ אַ טעלער, וועלכע זי האָט מיט התפעלות אָן דער ערד געגעבען אַ וואָרף. מערקע, אַ בלאַסע, אַ דערשראָקענע, איז גלייך צוגעגאַנגען אויפקלייבען די שערבלעך, נאָר אַ לאַנגע אויסגעטריקענטע יודינע מיט נאַסע פלײשיגע ליפּען האָט זיך אויף איהר אָנגעהאַנגען און האָט זי געגעבען ערגעץ אַ זעץ אַוועק מיט זיך אינאיינעם.

ביי דער טהיר איז געשטאַנען שפרה, אַנאַיינגעבויגענע, שטום, ווי די וואַנד. אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך סעריל צו איהר אָרים אַוואָרף געטהון, נאָר קושען זיך איז שוין איהר נישט אויסגעקומען. ווי אַ שלענגעל האָט זיך די קרענקליכע שוואַכע שפרה געגעבען אַ דרעה, אויס פון איהרע הענד און איז צוגעלאָפען צום מאַנסבילשען טיש מיט קולות:

— נישט דאָס! נישט דאָס האָט דער טאַטע געמיינט! די וועלט קאָן זיך נישט אויסגלייכען!...

אין טיש איז געוואָרען אַ בעהעגונג...

דער עולם האָט זיך איבערגעקוקט איינער מיט'ן אַנדערען און מלך האָט דערווייל געזונגען און צוגעטאַנצט צום טאַקט:

— בעלי-בתים, מלמדים, בעלי-מלאכות! אַלע גלייך! אַלע גלייך!

עדוואַרד סלאָנסקי.

# אויפ'ן וואָקזאַל.

חאָטש אין דרויסען האָט מען נאָך קיין שום לעבעדיג נפש נישט געזעהן אין אויפ'ן ערשטען שטאָק ווענען אַלע פענסטער געווען טאַק פערהאַנגען—האָט זיך שוין די קליינע באַהן-סטאַנציע גע-וועקט פון שלאָף. פון די קוימענדלעך האָט זיך פאַמעליך גע-הויבען אַ רויך און אַ טהיר אונטען, אויף וועלכער ס'איז גראָד קיין אויפשריפט נישט געווען, האָט זיך שוין האַלב אויפגעעפענט.

ס'איז געווען מאַי. דער געלער איינשטאָקיגער וואָקזאַל, דער ליטער מדורם אין דאָס גרויע נידריגע הייזעל פון באַהן-וועכ-טער האָבען זיך געטונקט אין גרינס; דאָס קליינע געריטענדעל ציהט זיך אין דער לענג פון וואָקזאַל און איז פול געווען מיט פרישען שמעקענדיגען בעז; נידריג-געוואַקסענע, גלייך-אָבגעשניטע-נע בוימעלעך מיט אונפאָרמיגע שפיצען אין קרענקליך-אויסגעקרומ-טע פּגיאַקעס האָבען גאווה'דיג אַפּגעגעקוקט פון אונטער'ן פאַרקאַן צום הימעל אַרויף. אויף דער צווייטער זייט וואָקזאַל האָבען זיך געצויגען צוויי רייהען יונגע יעשיאַן-בוימלעך און אונטער זיי איז געלעגען ברייט און ווייט אַ גלייך פעלד, ווי אַ טיש, אָהן גריבער און בערגער, און האָט זיך פערענדיגט ערגעץ ביים ראַנד פון הי-מעל מיט אַ דונקעל-בלאָהען פאַס וואַלד. דאָ און דאָרטען האָט זיך געבלייכט פון דערווייטענס אַ קליין דערפעל, אָדער אַ פּריצי-שער הויף האָט אַרויסגעקוקט פון אונטער אַ בליהענדיגען סאָד.

אויף יענעם שטיקעל ערד האָט מען דערקענט, אַז אַ מענש-

ליכע האַנד איז מיט ליבע און מיט אַ תּפילה אויף די ליפּען אומגעגאַנגען. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַפילו יענער טונקעלער וואַלד ביים האָריזאָנט שטעהט צוגערוימט, צוגעקעהרט ריינעטשקע...!

אויפ׳ן פעלד האָט גערוהט דער אָטעם פון מאַי און יעדעס שטיקעל ערד, וואָס מען האָט פערזייעט מיט שווייס און פערזיים מיט אַזוי פיעל שטילען ערנסט, גרינט רייך און גדלות׳דיג.

דער פריהמאָרגען איז געווען אַ שטילער, אַ רוהיגער. די גראָזען האָבען זיך געטריקענט אונטער די שטראַהלען פון דער פרישער זון און פון די חאַטע-קוימענדלעך, וועלכע זענען דאָ און דאָרט צוואָרפען איבער׳ן פעלד, האָבען זיך געצויגען לאַנגע גלייכע פּאַסען רויך.

אַרום וואָקזאַל איז געווען לעדיג. אין דער האַלב אויסגעעסענטער טהיר האָט גערוישט און גערויכערט אַ קליין געפּלאַצט סאַמאָוואַרל.

די טהיר אָהן דער אויסשריפט האָט אַריינגעפיהרט אין אַ שטיבעל, וואו די פאַרב פון די ווענד האָט שוין לאַנג פערלוירען דעם אמת׳ן קאָליר און וואו די פּאָדלאָגע איז געווען אויסגעקרימט און ערטערווייז אַוועקגעריסען שטיקער.

די שטוב איז געווען כמעט לעדיג און האָט אויסגעזעהן, ווי עפּיס אַ דערווייליגע קאַנצעליאַריע.

אין ווינקעל פון שטוב זענען געשטאַנען צוויי אומגעלומפּערטע שווערע שענק, געפאַרבט אויף געל, מיט אויסגעקרימטע האַלב-אויסגעעסענטע טהירלעך. אויף איינער פון זיי איז געהאַנגען אַ גרויער נומענער מאַנטעל. ביי דער וואַנד האָט זיך שאַרף געצייכענט אַ באַנק אויך אַן אומגעלומפּערטע און אַ שווערע, אַזוי ווי די שענק און אויך ווי זיי געפאַרבט אויף געל. פון דער וואַנד ווידער האָט אַראָבגעקוקט אַ פערפעצטע און פערשטויבטע לאַנד-קאַרטע און עפּיס אַ פּאָרטרעט אין אַ ביליג-איבערגעניצטער ראַם.

ביים טיש, וואָס האָט פערנומען דעם גאַנצען מיטען פון שטוב, איז געזעסען דער אַלטער באַהן-זשאַנדאַרם, יאַקאָוו קוזמיטש אין אַ שוואַרצען שינעל און אין אַ היטעל מיט אַ בעזעמעל אויפ׳ן קאָפּ. נעבען איהם, אויף אַ האַלב-פערשוואַרצט און אויסגעבויגען בלעכען טעצעל איז געשטאַנען אַ גלאָז—אָנגענאָסען ביז אין דער העלפט מיט לייכטער בליי-גאָלדענער טהיי; אַ ביסעל אַהינצוצו איז געשטאַנען אַ טהיי-שאַל, וועלכע יאַקאָוו קוזמיטש האָט אַלע וויילע צוגעטראָגען צו די ליפּען און דערנאָך צוריק אַוועקגעשטעלט אויפ׳ן פריהערדיגען אָרט.

יאַקאָוו קוזמיטש האָט געטרונקען טהיי. מיט׳ן טהיי-טרונקען האָט ער שטענדיג אָנגעהויבען דעם טאָג—דאָס איז געווען ביי איהם איינס פון זיינע ליבסטע זאַכען.

טאָג-טעגליך איז ער אויסגעשטאַנען פאַר׳ן אָנקומען פון ערשטען פראַכט-צוג. האָט ער זיך גיך אָנגעטהון, אויסגעשטעלט דעם סאַמאָוואַר און געטרונקען טהיי ביז ס׳איז אָנגעקומען דער פּאַסאַזשיר-צוג.

די דאָזיגע צוויי שעה, האָט ער געוואוסט, וועט איהם קיינער נישט שטערען און קיינער וועט נישט צערשטרייען זיינע זיסע מחשבות. וואָרום טרינקענדיג טהיי, פלעגט זיך יאַקאָוו קוזמיטש טיעף פערטראַכטען און פערגעסען בעת-מעשה, אַז ער איז אַ זשאַנדאַרם, וואָס טראָגט אַ גראַנאַטענעם מונדיר, אַ שווערען שינעל און אויפ׳ן קאָפּ—אַ היטעל מיט אַ דאַריג בעזעמעל אויפ׳ן סאַמע שפּיץ. און איהם האָט זיך דעמאָלט געוועקט זיין ווייטע אַלטע היים, ס׳האָט זיך איהם דאַן דערמאָהנט דער ווייטער סטעפּ, די ערד, וואָס איז צו-ברייט פאַר׳ן אויג און צו-ווייט פאַר די פיס, די ערד, וואָס איז רייך און ווילד און וואָס איז גרויס ווי די וועלט. ס׳איז דעמאָלט אויסגעשוואומען אין זיין זכרון די ווייטע יוגענד זיינע, אַזאַ ווילדע ווי דער סטעפּ דאָרטען.

— נור אין סטעפּ, גרויסער גאָט, איז גוט צו לעבען און צו שטאַרבען!

און יאַקאָוו קוזמיטש טראָגט נאָר אַ גראַנאַטענעם מונדיר און וואוינט עפּיס אויף אַ ענגער ערד, וועלכע איז אַזוי שרעקליך פרעמד פאַר איהם, אַז אַפילו צווישען מענשען פיהלט ער זיך דאָ איינזאַם און פערלאָזען.

דער פערוואַלטער פון דער באַהן-סטאַנציע, קאַרפּינסקי, האָט אַ ווייב מיט קינדער, דער באַהן-וועכטער אַפילו, ביעגאַס האָט אויך אַ ווייב מיט קינדער, נור ער איז אַליין אין דער דאָזיגער פרעמדער וועלט אויף דער דאָזיגער פרעמדער ערד.—גרויסער גאָט!

אין אַזעלכע מינוטען איז געוואַקסען אין איהם עפּיס אַ כעס צו אַלין און צו אַלעמען און פון אונטער זיינע רויטע וויעס פון די אויגען האָט אַפּגעקוקט עפּיס אַ טיעפע פערבאָרגענע שנאה...

אַזעלכע געדאַנקען, אָבער, האָט ער געהאַט זעהר זעלטען, געקומען זענען זיי, די געדאַנקען, מעהרסטענטיילס דאַן, ווען ער פלעגט צוריקקומען פון דער נאָהנטער סטאַנציע פון ראָטמיסטער זשדאַנאָוו פערביטערט און בייז.

דער ראָטמיסטער זשדאַנאָוו איז געווען אַ שטרענגער און אַ פּינקטליכער בעל-הבית. פון יאַקאָוו קוזמיטש, אַ שטיינער, האָט ער פערלאַנגט עפּיס אויסטערלישעס, כאָטש ער האָט שוין געדיענט אַ סך יאָהרען, האָט ער דאָס נישט געקאָנט, אָדער נישט געוואָלט טהון.—דער ברייטער מענש פון סטעפּ האָט נישט געקאָנט שמעקען און זוכען. און גלאַט אָנפיהלען די ראַפּאָרטען מיט אויסגעקלערטע נאַרישע מעשות האָט ער נישט געוואָלט. דעריבער טאַקע פלעגט פאָרקומען צווישען זיי שטענדיגע סכסוכים.

יאַקאָוו קוזמיטש האָט היינט, אייגענטליך, נישט געהאַט קיין שום עגמת-נפש, דער ראָטמיסטער זשדאַנאָוו איז פון נעכטיגען ראַפּאָרט געווען צופרידען און האָט איהם פאַר עפּיס אַ קלייניגקייט געלויבט. עס האָט איהם פון שלאָף נור אויפגעוועקט די זון. זיצט ער אַזוי איצט, טרינקט בנעימות׳דיג די הייסע טהיי און ווישט אַלע וויילע מיט׳ן אַרבעל פון שינעל די האַלב גרויע וואָנסעס און קוקט דורך דער אָפענער טהיר אין זוניגען מאַי-פריהמאָרגענדיגען הימעל אַריין, וואָס גיסט זיך צוזאַמען מיט דער זאַפטיגער גרינקייט פון די יונגע יעשאַן-בוימעלעך.

אין דרויסען פאַר׳ן וואָקזאַל אויף דער צווייטער ליניע, איז שוין ווייט אַ האַלבע שעה געשטאַנען אַ מיליטער-צוג; דער שוואַרצער, פערשוויצטער און פערשטויבטער לאָקאָמאָטיוו האָט געסווישטשעט ווי עפּיס „אַנ׳נישט-גוטס"; אין ברודיגען געלען וואַגאָן פון דער צווייטער קלאַס, זענען די פענסטערלעך נאָך געווען פערמאַכט, נאָר אין די פראַכט-וואַגאָנען, וועלכע האָבען זיך ווי אַ לאַנגע קייט געצויגען אַזש צום היזעל פון באַהן-וועכטער, האָבען זיך דאָ און דאָרטען גערודערט מענשען און פון צייט-צו-צייט האָט אַ פערד אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ אויף דער זון. מענשען און פערד האָט מען געפיהרט ערגעץ אין עק וועלט אַריין, פון ווייטען דאָן.

יאַקאָוו קוזמיטש איז אַליין געווען פון יענעם קאַנט, דעריבער האָט פון די וואַגאָנעס אויף איהם אַ בלאָז געטהון דער אָטעם פון דעם ווייטען סטעפּ און דער ריח פון וואַסער. ס׳האָט זיך צוזישט דער בלויער דאָן, ס׳האָט זיך צורעדט דער גרינער סטעפּ.

מיט אַ שטילער פרייד האָט יאַקאָוו קוזמיטש געצויגען די הייסע טהיי, מיט אַ שטילער פרייד האָט ער געקוקט דורך דער טהיר אין דער זון אַריין.

פאַר איהם איז אַ לאַנגע קייט וואַגאָנעס און אַלע געהען פון

דאַרטן... אַלע קומען פון יענער זײַטקײַט... זיי שטעהען נאָך מידע פון וועג פערשמאַכטע פון די סטעפּ־ווינדן...

אין געלען וואַגאָן פון דער צווייטער קלאַס זענען די פענסטער־לעך פערהאַנגען—דער אַטאַמאַן שלאָפט נאָך.

מיט יאָהרען צוריק האָט מען איהם אויך אַזוי אַהערגעבראַכט, נאָר דאַמאָלסט זענען די צײַטען געווען בעסערע... הײַנט, אָבער, איז אַזוי אומרוהיג... אַזוי פיעל שרעק און שלעכטס הענגט איבער דער וועלט...

ער האָט טיעף אָפּגעזיפצט און אַנידערגעשטעלט דאָס גלאָז אויפ׳ן בלעכענעם טעצעל.

פּלוצלונג האָט יאַקאָוו קוזמיטש אַ ציטער געטאָן און איז אינגאַנצען געוואָרען איין שטיק געהער..

פון יענער זײַט צוג, פון די לעצטע וואַגאָנען ערגעץ פון אונטער׳ן באַהן־וועכטער׳ס הײַזעל אַפּער האָט זיך אַרויסגעריסען אַ געזאַנג. צום ערשט איז עס געווען שטיל און רוהיג, אַזוי ווי אַ גרויסע טײַך, דערנאָך האָט עס אָנגעהויבען וואַקסען און וואַקסען און פון מינוט צו מינוט געוואָרען ברייטער און שטאַרקער; געלאָפען אַזוי ווי דער ווינד איבער׳ן סטעפּ און אַוועקגעשטעלט זיך אין דער אָפּענער טהיר פונ׳ם מיט זון בעגאָסענעם וואָקזאַל אין אַ רויט העמד און אין שווערע שוואַרצע שטיוועל. — — — — —

— אוך יאַ!

די האַנד פון יאַקאָוו קוזמיטש, וועלכע האָט צוגעטראָגן דאָס גלאָז טהיי צום מויל, האָט אַ ציטער געטאָן.

...אוך יאַ!

...אונטער בערגער, אונטער וועלדער, אויפ׳ן גרינעם סטעפּ, מיט דער טיעפעניש דער זילבערנער, מיט׳ן איסגוס דעם בלויען שטעהט דער ברייטער דאָן... דער ברייטער דאָן! וואו זאָלסט ניט מיט׳ן אויג חאַפּען, זענען דאָרט וואַסערן גרויס, וואו דו זאָלסט ניט מיט׳ן געדאַנק געהן—דאָרט איז סטעפּ און סטעפּ...

איבער די וואַסערן די ברייטע, איבער דעם הימעל דעם הויכען שווימען וואָלקענדליך הײַטע פוכיגע וואָלקענדליך... וואוהין שווימט איהר און נאָך וואָס שווימט איהר? אין היילינגען לאַנד, צי פון היילינגען לאַנד?

— אוך יאַ!

ס׳האָט זיך איבערגעריסען דאָס רויטע העמד, הענד האָבען זיך אײַנגעקנאָטען אין שטריק... געשווינדע בורלאַקישע הענד...

— לאָמיר הייבען די שיף, לאָמיר הייבען!

פון ברעג צו ברעג שווימט דאָס בורלאַקישע געזאַנג, דער בורלאַקישער קרעכץ:

— העה, דו גרויסע ערד, העה!

אַ שפּיעל, ניט קיין שפּיעל, אַ שוואַכע שאָל, אַ פערדרויכערטע, אַ שוואַרצע. דאָס וואַסער רוישט... דאָס וואַסער שמעקט... און דו געליבטע דו מײַן, קוק אין די אויגען מיר לאַנג, קוק אין די אויגען מיר לאַנג... די שוואַרצע האָר צופלעכט און פערפלעכט! פרעה דאָס האַרץ מײַנס, געליבט דו מײַן!

— געבען וועל איך דיר שוואַנען־פוך, געבען וועל איך דיר סאָבאָל־פוטער, סאָבאָל־פוטער!

— אוך יאַ!

— — — — — — —

— — — — — — —

יאַקאָוו קוזמיטש האָט וואָס־אַמאָל זעלטענער גענומען דאָס גלאָז אין האַנד אַרײַן און דאָס געזאַנג דאָרט איז געוואַקסען און געוואַקסען.

דורך די צוויי יעשיאָן־בוימעלעך האָט עס זיך אַרויסגעריסען אין פעלד אַרײַן, צוריקגעקומען אויף דעם זון־בעגאָסענעם וואָקזאַל און אַנידערגעשטעלט זיך אין דער אָפּענער טהיר פאַר׳ן אַלטען זשאַנדאַרם אין אַ רויט העמד און אין שווערע שוואַרצע שטיוועל אַ וואַנדערער, אַ הײמלאָזער, אַ פרײַנד אַנ׳אַלטער!

— פרעמד איז אונז דאָ, יאַקאָוו קוזמיטש, פרעמד, האָט דאָס געזאַנג גערעדט צו איהם. און יאַקאָוו קוזמיטש האָט הויך אָפּגעהוסט, די טרערען האָבען איהם געשטיקט אין האַלז און ווײַנען האָט ער זיך געשעמט.

„אַ אמת,—האָט ער געקלערט, פויקענדיג מיט די גראָבע פינגער איבער׳ן טיש—אמת, דאָ איז פרעמד... און איבער די מאַזאָוועצקער פעלדער, אונטער׳ן מאַזאָוועצקען הימעל איז געשוואומען דער ברייטער בלויער דאָן".

עס האָבען זיך אָפּגערוקט די יעשיאָן־בוימעלעך, ס׳האָט זיך אָפּגערוקט אויף ענדע פעלד דער בלויער פּאַס וואַלד און אויפ׳ן וואָקזאַל איז אויסגעשוואומען דער ברייטער טײַך, דער הײַטער דאָן.

— אוך יאַ!

ס׳האָבען גערוישט די וואַסערן, ס׳האָבען געשמעקט די וואַסערן און אויפ׳ן האַרטען „זשוויר" האָט זיך, ווי אַ געשטיקטער טעפּיך צושפּרייט דער בליהענדער סטעפּ...

דאָס גלאָז איז מיט אימפּעט אַראָבגעפאַלען אויף דער קרומער פּאָדלאָגע...

— קאַי־טשאָרט!—האָט יאַקאָוו קוזמיטש אַ ברום געטאָן אונטער נאָז און זיך געגעבען אַ שטעל אויף.

ער איז געשטאַנען אין דער מיט פון דער „קאַנצעלאַריע" און טרויעריג געקוקט אויף די ברודיגע ווענד און אויסגעקרימטע שענק.

די דאָזיגע ברודיגע ווענד און די קרומע שווערע שענק האָבען מיט אַנאײַזערנער רייף אַרומגעקלאַמערט זײַן קאַלט האַלבוועלנעריש לעבען.

און געוואָרען איז איהם דאָס לעבען ענג ווי די „קאַנצעלאַריע", שלעכט, אַזוי ווי ס׳זענען שלעכט די „אַקטען", וועלכע ליגען דאָ אין די שופלאָדען, פול מיט נעמען און פּאָטאָגראַפיעס.

— און דאָס אַלץ איז איבער זיי, נור איבער זיי—האָט ער געקלערט, אַרויסשלעפענדיג פון אַ שופלאָד אַ גרויסען קאָנווערט. די הענד האָבען איהם געציטערט, ווען ער האָט דעם קאָנווערט אויסגעעפענט. אויפ׳ן טיש איז אַרויסגעפאַלען אַ פּאָטאָגראַפיע. ער האָט זי אויסגעהויבען און אויפמערקזאַם בעטראַכט.

דאָס אַלץ איז איבער זיי—האָט ער בייז געברומט צווישען די צייהן.

נעכטען ערשט האָט ער פון ראַטמיסטער דערהאַלטען דעם דאָזיגען קאָנווערט. ער דאַרף דאָ פערהאַלטען אײַנעם אַנטלאָפענעם פון סיביר, וועלכער דאַרף דאָ דורכפאָהרען.

לאַנג האָט ער געקוקט אויף דעם דאָזיגען פּנים און געקלערט וועגען זײַן לעבען, וועלכע איז צובראָכען געוואָרען דורך די, וועמעס פּאָטאָגראַפיעס ס׳ליגען אין די קרומע שווערע שענק. מיט דער האַנד האָט ער אָנגערירט דאָס הענדטעל פונ׳ם רעוואָלווער.

ס׳איז שוין געווען נאָך זעקס אַ זייגער. אין אַ פערטעל שעה אַרום דאַרף אָנקומען דער פּאַסאַזשיר־צוג. אין שטוב פון באַהן־פערוואַלטער און אין דרויסען האָט זיך שוין אָנגעהויבען אַ גערודער. אַלע ווײַלע איז וועהר געשווינד אַריבערגעגאַנגען און אינטער דער וואַנד האָט זיך געהערט דעם טעלעגראַפיסט׳ס שטימע.

יאַקאָוו קוזמיטש האָט זיך אָנגעהויבען צוגרייטען צום בעגעגענען דעם צוג.— ער האָט אָנגעטאָן די שווערד. גלײַך געמאַכט דאָס היטעל, אײַנגעשפּיגעלט זיך אין עפּיס אַ פערשטויבט שטיקעל שפּי־

געלע אין איז אַרויס אין דרויסען. פון דער ווייטענס האָט זיך געזעהן ווי דער צוג רוקט זיך און רוקט זיך. ערגעץ ווייט איבער די פעלדער האָט זיך געוויקעלט דער רויך פון לאָקאָמאָטיוו און באַלד האָט ער זיך אָבגעשטעלט פאַר'ן וואָקזאַל, סאָפּענדיג און ברומענדיג שווער. ס'האָבען זיך צוסקריפּעט די רעדער, און צוקלונגען די קייטען. גיך האָבען זיך געעפענט די טהירלעך און עטליכע מענשען זענען אַראָבגעשפרונגען פון די טרעפּלעך.

פון איין וואַגאָן, האַלטענדיג אַ קליין קלימעקעל אין דער האַנד, האָט זיך אַרויסגעשאַרט אַ יונגער־מאַן. דאָס פּנים איז געווען מיעד און בלייך, די אויגען—אונרוהיג און פול מיט אַ קרענקליך פייערעל. ער האָט געזוכט וועמען און אויסמערקזאַם אַרומגעקוקט זיך אויף אַלע זייטען.

די גרויסע אויגען פון יאַקאָוו קוזמיטש האָבען זיך אָבגעשטעלט אויף איהם ווי צוויי ווילדע פייגעל און אַיינגעגעסען זיך אין איהם מיט אַ שטום פערביסענקייט.

— דאָס אַלץ איז איבער זיי,—האָט דער זשאַנדאַרם שטיל געקלערט און אַרויסגעלעגט די האַנד אויס'ן הענטעל פון רעוואָלווער.

דערנאָך האָט ער זיך, ווי אויף די שפּיץ פינגער, אונטערגעגנבעט צום יונגען־מאַן און אַ געשריי געטהון:

— גאָספּאָדין זאַדאַרנאָזסקי!

דער יונגער־מאַן האָט אַ ציטער געטהון.

נאָר באַלד האָט ער זיך געשטאַרקט און איז געגאַנגען ווייטער.

דאַמאָלס האָט יאַקאָוו קוזמיטש אַרויסגעשלעפּט פון קעשענע די פאָטאָגראַפיע און אונטערגערוקט זי איהם גלייך צו די אויגען.

דאָס קליינע פּעקעלע, וועלכעס דער יונגער־מאַן האָט געהאַלטען אין האַנד, האָט זיך פּלוצלונג אַרויסגעגליטשט און אַראָבגעפאַלען.

— „פערפאַלען, איך האָב פערשפּיעלט!"—האָט ער אַ קלער געטהון און געבליבען שטעהן ווי צוגעשמיעדט צום אָרט...

און יאַקאָוו האָט די גאַנצע צייט נישט אַראָבגעלאָזט קיין אויג פון איהם.

אַ לאַנגע ווײַלע זענען זיי אַזוי געשטאַנען איינער נעבען צווייטען און געקוקט אויף זיך פול מיט האַס, פול מיט פערביטערטער פיינדשאַפט.—דער אַלטער באַהן־זשאַנדאַרם און דער יונגער אַנטלאָפענער רעוואָלוציאָנער.

עמיצער האָט אַ קלונג געטהון איינמאָל און נאָכאַמאָל. און ווידער האָבען זיך צוסקריפּעט די רעדער און ציקלונגען די קייטען.

אויף אַ שווערער באַנק אין זשאַנדאַרמ'ס קאַנצעלאַריע איז געזעסען בלייך ווי דער טויט, באָלעסלאַוו זאַדאַרנאָווסקי, געוועזענער סטודענט, דער אַנטלאָפענער פון ווייטען קאַלטען סיביר און נעבען טיש און שיינעל מיט'ן היטעל אויפ'ן קאָפּ, האָט יאַקאָוו קוזמיטש געשריבען אַ פּראָטאָקאָל.

און ער האָט נישט געהערט אפילו ווי פון די לעצטע וואַגאָנעס פון פראַכט־צוג האָט זיך ווידער געגאָסען, דאָס ברייטע געזאַנג און געשפּאַצירט איבער'ן וואָקזאַל און רויטען העמד און אין שוואַרצע שווערע שטיוועל.

— איך, יאַ!

שרה רייזען.

## לאָז מיך אָפּרוהען, פריינד.

לאָז מיר אָפּרוהען, פריינד, אויף דיין ברוסט
דעם לעבענס וועג איז מיר צו שווער.
לאָז מיר אָפּרוהען, פריינד, אויף דיין ברוסט.
כ'וועל בעהאַלטען און זעלע מיין טרעהר.

איך ווייס, דיר מיין לאַכען געפעהלט.
וועל איך שמייכלען און לאַכען דיר העל.
לאָז מיר אָפּרוהען, פריינד, אויף דיין ברוסט
איך וויל בעהאַלטען מיין צער און מיין זעל...!

דיין צער פון דיין רוה ווערט פערוויגט,
פערשווינדט דאָרט און טיעף פון דער זעל,
כ'סערגעס זיך אָן איהם, ווי אַ קינד,
און לאַך און איך שמייכעל דיר העל...

ל. קעססין.

# געציל פּאָעט.

(הומאָרעסקע).

אַלע בעקאַנטע רופען איהם: „געציל פּאָעט".

אַ הויכער שלאַנקער בחור מיט אַ בלייכליך־אויסגעצויגענעם געזיכט און פערחלומ'טע אויגען און אַ קאָפּ בעדעקט מיט לאַנגע האָר,—תמיד פער'חושט.

זיין אידעאַל און לעבען איז צו ווערען אַ בערימטער פּאָעט.

און דער אמת'ן האַלט זיך שוין געציל איצט אויך פאַר אַ „גאָט־געבענשטען" טאַלענט. און זיין האָיזונג, וואָס גרעניצט זיך מיט דעם בוידעם, געפינט זיך אַ קאַל פון פּאָעזיע...

ביי איהם געפינט זיך אַ שענקעל מיט פיעל שופלאָדען, און אויף יעדען פון זיי איז אָנגעקלעפּט אויסשריפטען: „פריהלינגס־מאָטיווען", „הערבסט־שטימונגען", „דעמירונג", „באַלאַדען", סאָנעטען, „נאַקטורען", „ציקלען", „חלומות" וכדומה.

איז אָבער געציל אַ גוואַלדיגער לא־יוצלח און ער האָט נאָך קיינמאָל נישט זוכה געווען זיינס אַ „זאַך" זאָל געדרוקט ווערען.

האַלט געציל פּאָעט תמיד און איין שעלטען די אַכזריות'דיגע רעדאַקטאָרען מיט זייערע שטיינערנע הערצער...

און האַלט ער נתגלה געוואָרען און חאָטש איינמאָל זיך אַריינגעכאַפּט און דער ליטעראַטור,—האַלט עס שוין דערנאָך נגאַנגען ווי אַ מזמור...

— „נאָר ווי כאַפּט מען זיך אַריין?!"...

איינמאָל, און הערבסט איז עס געווען.

איך בין מיר אַוועקגעגאַנגען שפּאַצירען און גאָרטען.

דער גאָרטען איז געווען פול מיט שפּאַצירענדע. כמעט אַלע זענען נאָך געווען געקליידעט און לייכטע קליידער און זומער־קאַפּעלושלעך, אַנדערע זענען נאָר געווען: „צו דער פיגור", און דער לופט האָט זיך נאָך נישט געפיהלט קיין שום שפּור פון הערבסט־ריח.

ס'איז געווען פאַרנאַכטליך. די זון האָט זיך אָנגעהויבען זעגענען, דער מערב האָט זיך גערויטעלט, און דער האָריזאָנט האָט זיך צושפּילט און פיעל פאַרבינע קאָלירען.

שפּאַציר איך מיר אַזוי און גאָרטען און בעמערק ווי געציל

פּאָעט פערקלייבט זיך מיט זיין „סימפּאַטיש“ אין אַ זייטיגע אַליע.

געציל מיט זיין „סימפּאַטיע“ שפּאַנען הין-און-צוריק. געציל מאַכט מיט די הענד, זי קוקט איהם גלייך אין די אויגען און ענדליך זעצען זיי זיך אַוועק.

געציל'ס התלהבות'דיגע העויות האָט מיך שטאַרק פּראינטערעסירט.

האָב איך מיך אונבעמערקט אַהינגעזעצט דערנעבען אויף אַ צווייטער באַנק.

געציל פּאָעט האָט זיך תחלת צולאָזען מיט זיין כח-הדיבור און געחיזען מיט דעם טייט-פינגער אין מערב-זייט: ווי דער טאָג גוסס'ט... די נאַכט הויבט אָן פערשפּרייטען איהרע שוואַרצע פליגעל... די זון פערגעהט... יציאת-נשמה...

— אַח!—האָט דאָס מיידעל מיט ענטציקונג געזאָגט,—וואָס פאַר אַ ערהאַבענע פאַנטאַזיעס!?—

— אָ!—איז געציל אַריין אין עקסטאַז—ווען איהר וואָלט הערען, וואָס איך האָב נעכטען אָנגעשריבען... און טאַקע וועגען „זונען-פערגאַנג“... אַ גאַנצע נאַכט בין איך געזעסען און געשריבען...

— אַדרבא! — האָט דאָס מיידעל געענטפערט — לייענט עפּיס נייעס.

געציל נעהמט אַרויס פון קעשענע צוקנייטשטע שטיקלעך פּאַפּיר, קלייבט, נישטערט, און הויבט אָן צו לייענען:

„די זון העננט צווישען הימעל און ערד... און טהוט זיך אין איהרע אייגען בלוט פערטרינקען און אין איהרע אייגענע שטראַהלען פערחלינען... זי פּרובט זיך אַרויפדראַפּען אויפ'ן הימעל—אָבער לא!—דער הימעל איז גלאַט און גליטשיג, געשפּענסטער געהען איהר נאָך טריט ביי טריט... און רוהיג גוט-מוטיג און אַכזריות קאַלטבלוטיג זי מיט די אויגען פּעריאָגט און פערטריבען...

געציל לייענט וואָס ווייטער און ווייטער מיט אַ העכערע שטימע.

„ס'ווערט נאַכט און אַ שוואַרצער מלאך צעטראָגט אויף שוואַרצע פליגעל איבער דער גאַנצער וועלט פּחד, אימה, שרעק... און דער מלאך גראַטשעט אויס זיינע אויגען און עפּענט ברייט אויף זיין מויל און פליצים—באַך! די זון האָט איהם מיט איהרע שפּיזלעך-שטראַהלען אַ קיצעל געטהון און טיוק, טיוק, טיוק...

געציל רוהט זיך אָב און לייענט ווייטער.

„וועגען זיך מלאכים צונויפגעלאָפען, די פּנים'ער האָבען ביי זיי געשיינט ווי פּאַרנאַכטיגע זונען. לייבער—ביי זיי—יונגער מיידעלשער פרישער ברוסט-לייב, פליגעל—ווייערע—זייבערע ווי די פראַנזען פון אַ חופּה-טוך... און פּיהלענדע ווי דער ערשטער ליבע-אָטעם... און היקענדיג—נישט-וועהענדיג, הערענדיג—נישט ווייסענדיג, שוועבענדיג—נישט פּיהלענדיג, נישט-שטעהענדיג, העגנענדיג-שוועבענדיג, האָבען זיי נעפּירט אַ מלחמה געגען דער זון, און — — —

„די זון טהוט זיך אין איהרע אייגענע שטראַהלען פערחלינען און אין איהרע אייגענע בלוט פערטרינקען“...

איך האָב שוין מעהר נישט געקאָנט איינהיצען, ס'האָט מיך פון אָרט געהויבען און כ'האָב פּשוט מורא געהאַט, אַז דאָס מיידעל זאָל נישט אין חלשות אַריינגעפאַלען, האָב איך מיך פון אָרט אַ הויב געטהון, פּלוצלונג צוגעגאַנגען צו זיי און אַ פרעגע געטהון:

— אַ!—וואָס מאַכט איהר, געציל?

— אַ!— איהר זענט עס?—

— ווי געפעהלט אייך דער משונה'דיגער היינטיגער הערבסט?— בין איך אַריינגעפאָדערן מיט אַ פראַגע.

— אַח!—האָט געציל אָבגעזיפצט,—אַזאַ מין הערבסט. אַנ'אָמת'ער אומגליק...

— נו,—אַוודאי דער גאַנצער ווינטער-סעזאָן איז געהרג'ט... ס'חרם קלאָגען, אַז די „לייזען“ קיין געלד נישט...

— ניין,—ערקלערט ער זיינע ווערטער—איך מיין... מחמת, אַזאַ הערבסט זענען קיין שטימונגען נישטאָ... ס'איז אַ פּשוט'ער אומגליק פאַר פּאָעטען...

— און אפשר צוריק גערעדט,—האָב איך בעמערקט איראָניש—אַז עס איז אַ טובה פאַר דער וועלט, דאָס, וואָס די „פּאָעטען“ קאָנען נישט שרייבען קיין הערבסט-שטימונגען...

---

די נאַכט איז צוגעפאַלען. דער גאָרטען איז איינגעהילט געוואָרען אין הערבסט-שאָטענס און דער גאָרטען-שומר האָט געצינדען איין עלעקטרישען לאָמפּ נאָכ'ן צווייטען, און די שטעגלעך האָבען זיך דאָ און דאָרט געשלענגעלט שפּאַצירענדע פּאָרליך ביי די עלעקטרישע בעלייכטונג און לבנה-שיין, פון צייט-צו-צייט האָט זיך פון דער אָדער יענער אַלעע געהערט שטילע שושקעריי און גניבה'שע קושען...

פּלוצלונג, געציל גיט זיך אַ הויב אויף פון אָרט און ווערט ווי אויסגעציטערט.

איך האָב זיך ממש דערשראָקען פון זיין אונגעוועהנליכען צאַפּעל.

— איהר הערט גאָר נישט?—האָט ער זיך צו אונז געווענדעט מיט אויסערגעוועהנליכע התפּעלות.

— וואָס איך הער?!—האָט געציל נישט געגלייבט זיינע אייגענע אויערן.

— בנוגע-וואָס מיינט איהר עס?—בין איך שוין געוואָרען נייגעריג.

וועהענדיג ווי אויף מיין פּנים שוועבט נאָך אַלץ אַרום אַ שטומער פראַגע-צייכען, האָט ער ענדליך אָנגעהויבען רעדען אין איין אָטהעם מיט גרויס ענטציקונג.

— איהר הערט!... איהר הערט!...— און דערביי געוויזען מיט'ן פינגער—פויגעלעך זינגען... פויגעלעך זינגען אין הערבסט פריהלינגס-לידער...

— אייך חלומ'ט זיך.—פּרוב איך איהם אָבווענדען.

הויבט שוין „געציל פּאָעט“ אָן צו טריאומפירען:

— איהר לאַכט תמיד פון מיין „דיכטערישען פליה“... איצט וואָס וועט איהר זאָגען? והראיה: אי'ך— הער, און איהר—נישט — — —

און זיין התפּעלות איז געוואַקסען פון מינוט צו מינוט, געציל איז האַסטיג צוגעגאַנגען צו אַ בוים, אָנגעשפּאַרט זיך און געשפּיצט זיין חוש השמיעה, פערגלאָצט די אויגען און אויף זיין פּנים האָבען געשוועבט טרוימערישע שאָטענס און זיך צוגעהערט צום בעזויבערענדען פויגעלע געזאַנג...

— אַח! מיין גאָט!—האָט זיך געציל צורעדט מיט התלהבות,— אין הערבסט זאָלען פייגעלעך זינגען פריהלינגס-לידער... אַ ווייטלע זינגט דער פויגעל און אַ ווייטלע הערט ער אויף... משמעות, דער פויגעל דערשרעקט זיך פאַר זיך אַליין... וואָרום, וואָס טהו איך— קלערט זיך דער פויגעל—איך זינג אין הערבסט פריהלינגס-לידער...

— און איהר וועט שוין זעהן—האָט ווייטער געציל גערעדט מיט בעגייסטערונג—וואָס פאַר אַ אָרגינעלע פּאָעמאַ איך וועל אָנשרייבען... וואָרום אַלע פּאָעטען האָבען אין הערבסט רק געיאָמערט און כסדר געזיפצט: ווי זיי שטעהען ביי דעם וואַלד, וואו ס'האָט זיך נישט לאַנג — — — פון פויגעל געהערט אַ פויגעל-געזאַנג — — — און זיי קלאָגען: וואו זענען זיי ציינד די פויגעלעך, וואו — — — און לענדער פערפערעמדט, צי האָבען זיי רוה — — — איך אָבער האָב שוין גע-

כאַפּט אַ נײַע טעמאַ, וועלכע וועט מוזען געדרוקט ווערען — — —

און ווען דאָס פֿויגעל-געזאַנג איז אַנטשוויגען געוואָרען, האָט זיך געציל אָנגעהויבען אײַלען אַהיים, קענטיג, אַז דאָס, וואָס געציל איז געוואָרען אַזוי „בּחפזונ׳דיג“, איז ווײַל בײַ איהם האָט זיך צושפּילט די „מוזע“ און ס׳האָט איהם געצויגען צו דער פּעדער אויסצוגיסען זײַן אָריגינעלע „הערבסט-פּאָעמאַ“ אויף דעם ווײַס-אינטעלדיגען פּאַפּיר. — — — —

----

אַרויסגעהענדיג פֿון גאָרטען, האָבּען מיר געטראָפען אַנאַלטען בּעקאַנטען.

דער בּעקאַנטער האָט געשפּאַצירט מיט נאָך אַ פּאַרשוין, ער האָט איהם פֿאַר אונז פֿאָרגעשטעלט; דאָס איז אַ בּחור, וועלכער איז נישט לאַנג געקומען פֿון פּראָווינץ.

— וואָס איז זײַן בּעשעפטיגונג? — האָבּ איך אַ פֿרעג געטהון גלאַט אין דער וועלט אַרײַן.

— אָ-אָ-אָ! — האָט דער אַלטער בּעקאַנטער אָנגעהויבּען איהם צו ריהמען, — ער האָט שוין איינמאָל טאַלענט.

— כּדומה, למשל, אין וואָס בּעשטעהט זײַן טאַלענט — האָבּ איך אַ פֿרעג געטהון.

— דאָס איז איינער — האָט דער בּעקאַנטער אָנגעהויבּען צו דערצעהלען, — איינער פֿון יענע פֿיעל טאַלענטען, וועלכע ווערען נעבּעך אין דער איינביג-קאָכיג אימער-רוישענדער וואַרשא פֿערלאָרען.

— וואָס איז פֿאָרט זײַן טאַלענט? — בּין איך שוין שיעור אַרויס פֿון געדולד, לאָז מען שוין הערען אַ לעבּעדיג וואָרט.

— זײַן „טאַלענט“ — ערקלערט אונז דער בּעקאַנטער, — בּעשטעהט אייגענטליך דערין, וואָס ער קאָן אויסגעצייכענט פּײַפען פֿערשידענע מעלאָדיען, אָפּערען, אַריען, חוץ לזה, קאָן ער נאָכמאַכען די שטימען פֿון כל המיני חיות, ווי קעץ, הינד, א. ד. גל. נאָר איבּערהויפּט צייכענט ער זיך אויס דערמיט, וואָס ער קאָן אויסגעצייכענט נאָכמאַכען ווי דער פֿויגעל זינגט...

— נו, — האָט געציל בּעמערקט איראָניש — האָט ער דאָן בּאמת טאַלענט, וואָרום, ווי זאָגט געטהע: „איך זינג ווי דער פֿויגעל זינגט“...

אין בּאותו-רגע, נישט פֿיל געזען, האָט דער טאַלענט מיט׳ן געלען קאַפּעלושעל אויף׳ן קאָפּ, צונויפגעציגלט זײַנע ליפּען און בּאַלד אויס׳ן שטעל פֿאַר אונז געלאָזט הערען זײַנע „קונסטשטיק“...

און ווערקליך: ער האָט פֿערמאָגט גאָר אַ גוטען „פּײַפער“ אין מויל... האָט מען געהערט זײַן „מויל-מוזיק“, האָט זיך געדוכט, אַז מען הערט אַ הערליך געזאַנג פֿון אַ ווירקליך לעבּעדיגען פֿויגעל...

— אפשר — פּרוב איך אַ פֿרעג טהון דעם „פּײַפער“ — האָט איהר אָקאָרשט, מיט אַ האַלבּע שעה צוריק אָבּגעגעבּען קאָנצערט פֿון פֿויגעל-געזאַנג?...

— אַזוי ווי איהר וואָלט געזען דערבּײַ — האָט זיך אַרײַנגעמישט דער אַלטער-בּעקאַנטער — מיר זענען געזעסען אַ קאָמפּאַניע „יונגוואַרג“ אין אַ אַלעע, האָט ער נאָכגעמאַכט ווי אַ פֿויגעל זינגט, איז וואָס זאָל איך אייך זאָגען, עס האָט זיך צוגאָסען ווי האָניג אין אַלע איברים, אַז מען האָט פּשוט געקאָנט צוגעהן פֿון מתיקות...

— — — — —

„געציל פּאָעט“ איז נעבּעך געבּליבּען שטעהן ווי צומישט... ער האָט געגעבּען אַ בּליק אויף מיר און אַ בּליק אויף זײַן „סימפּאַטיע“... דאָס בּלוט איז איהם געקומען אין פּנים און האָט זיך געשעמט קוקען אונז אין די אויגען אַרײַן. — — —

„געציל פּאָעט“ האָט אַ גאַנצען וועג שוין מעהר אַ וואָרט נישט גערעדט; נאָר איך האָבּ געהאַלטען אין איין ווידערהאָלען מיט אַ איראָנישען טאָן געטהע׳ס ווערטער:

— „איך זינג ווי דער פֿויגעל זינגט!“...

י. מאַסטבּוים.

# ווער וועט שטאַרבּען פֿריהער?

(אַ ליעד אין פּראָזאַ).

אין די סוף זומערדיגע טעג, מיט די קוים-דערהערעוודיגע זוינטעלעך, וואָס שוועבּען דורך פּנימ׳ער פֿון משוגעים, מיט יענע בּלייטשענדיגע טוי-טראָפּען אויף די פֿאַרנאַכטיגע פֿעלדער וואָס זעהען אויס, ווי טרערען אויף ערדישער פֿריהלינגס-קלאָג, הויבּט זיך אָן אין די אויערען פֿון דער שטילקייט צעטראָגען עפּעס אַ מין קלינגען און רוישען וואָס קיינער קלינגט נישט און רוישט נישט, דאָ לויפען פֿערבּײַ די אויערען געוויינען פֿון פֿרויען, וועלכע מ׳האָט אַמאָל געליעבּט און אָבּגענאַרט, פֿײַפֿערײַען פֿון צונגען אויף וועלכע מ׳איז געפֿאָהרען, דער קלאַנג פֿון די ווײַן גלעזער, אויף דײַנע שמחות געשרײַען, געלעכטערן און נאָך נאָך. דאָס האַרץ שלאָגט מיט איינציג אויסגעהענדע קלעפּ, און פֿון האַרץ אָבּשטאַרבּען הויבּט-אָן ערגעץ ערוואַכען אַ מין קלעגליכע שטום וואָס שטײַגט איבּער דאָס רוישען און טומלען אין די אויערען. די שטום הערט זיך ווי אַ איינציגע פֿיעדעל-סטרונע ערגעץ ווײַט אין דער בּלאָהליקײַט פֿון דער נאַכט. בּיסלעכווײַז, ווי עפּעס עטליכע אינסטרומענטען און פּלוצלינג ווי אַ שטאַרקער דיסאָנאַנס פֿון אַ פֿליק מיט טעץ צוזאַמען.

וועמענס טויט וועט דאָ געשעהען פֿריהער? איך? דער בּלישטש פֿון מײַנע אויגען? אָדער די שײַן פֿון די נאַר וואָס פֿערגאַנגענע זון? מײַנע ערשטע זומער-טעג דאַרפֿען זיך פֿריער ענדיגען? אָדער די לעצטע זומער-טעג, וואָס ווילען פֿערגעהען, פֿערגעהן און נישט צוריק קעהרען מעהר! אין די מינוטען דוכט זיך מיר אויס, אַז זי די ערד איז איצט גאָר קיין ערד נישט מיט קיין בּעצײַכענטען הימעלס-סיסטעם וואָס האָט אויף איהר רײַזע געמאַכט אַזוי פֿיעל ווינטערן און זומערען, נאָר אויך עפּעס אַ בּעשעפֿעניש, וואָס האָט איינמאָל אין לעבּען אַ פֿריהלינג געהאַט, איינמאָל און נישט מעהר.

אין מיט׳ן טאָג ווען פֿון איהר ווילען פֿערשוואונדען די פֿערשעמטע שמייכלאַך פֿון דער זון, שטעהט זי אויף מיט די מינע פֿון אַ מענש, וואָס וויל מיט יענעמס טויט געוואונען דעם איינענעם לעבּענס-זיעג.

פֿאָלג מיך ציה אויס די פֿוס און שטאַרבּ דו פֿריהער!

נאָך וואָס דאַרפֿסטו פֿערשוואַרצט ווערען אין מײַנע הערבּסטען, פֿערקערטערט ווערען אין מײַנע פֿרעסט, אַז נאָר אין נילען שטעה איך אויף מיט אַ נײַע זון און בּעשאַף נײַע הימעלס-ציהענדע אויגען ווואָס וועלען געניסען פֿון מײַן שײַן. אַ נײַ ווינטעלע אַ פֿליהענדיג פֿויגעלע, אַ גוט מאָרגען, גוט מאָרגען די וועלט!

אַך ווען דו וואָלסט פֿערשטעהען דעם גרויסען זיפֿץ פֿון מײַן ערדישער בּרוסט, דעם זיסען סוד פֿון פֿערגעהען און איפֿ-

געהען. אך, מיינע ערשטע פריהלינגען אויף די אינזלען קאפרי! מיין ערשטע פייער-פונקען פון נאט פראמעטעאוס. אך מיינע כאהעמאס און וואקחאנקעס, פאלג זשע מיך, דו פריהלינגס לאז בעשעפעניש ציה אויס די פוס און געה אוים פריהער.

איהרע אונשפראכליכע רייד, וואס קלינגען אין די אויערען, ווי עפעס א געגארעדע פון א מענש וואס וויל געווינען דעם צווייטענס טויט, שפיר איך נאך דאן אין די פאר הערבסטיגע טעג, מיין הארץ קנייטשט זיך איין, ווי א באל אן לופט, מיינע קניהען פאלען אריין און נאך ווייל'ען זאמד די הענד חאפען און וועלכען בלום אריער שטיין.

— עי דו פערדעטעריש בעשעפעניש מיט דיינע פריהלינגס-טוישענדע פארבען פון זון אויפגעהען און זון-פערגעהען מיט דיינע פינקלענדיגע שטערן פון שיקזאל ברענגען און שיקזאל צונעמען.

— דו, דו געה אים פריהער! אין מיינע קירצלעבענדיגע פערלאנגען איז פארהאן א ווילען פון א שטענדיג פריהלינגס לעבען און קיינמאהל נישט פערהערבסט ווערען; פון שטענדיג אין ליכט לעבען און קיינמאל נישט פערפינסטערט ווערען פון שטענדיג אין געוואוקס לעבען און קיינמאהל נישט פערוועלקט ווערען, זי קאן נישט דאס? זי קאן נישט דאס?

אין מיין זעעל איז פארהאן א ווילען פון אייביג געבוירען און קיינמאהל נישט פערלוירען געהען, פון אייביג ווייגען און קיינמאהל נישט פערביטערט ווערען. פון וואנדערען שטענדיג און קיינמאהל נישט פערבלאנזשעט ווערען.

א גאט, דו קאנסט נישט דאס שטארבען זאל זי פריהער! איך בין פערצווייפעלט אין פריהלינג און אין הערבסט שפיר איך שוין יענע פינעל-טרעלען פון פריהלינגס-פערגעהן, איך וויל שטענדיג פערבלייבען אנ'אייביג פריהלינגס-קינד אונטערן פייגעל זינגענדען הימעל. זי קאן נישט דאס? זי קאן נישט דאס? איך בין פערוואלקענט אין הערבסט און אין פריהלינג שפיר איך שוין דאס רעגען-קאפען פון הערבסטיגען הימעל דאס בלאט רוישען פון פער'חושכ'טען וואלד איך וויל איבערלעבען יענע גיטע מינוטען פון א וואלד אין אייביגען פריהלונגס-לופט זי קאן עס נישט. צושמעטערט זאל זי ווערען אינאיינעם מיט מיר! איך בין נעגליבען צו א איינזאמער בלום וואס שטאלצירט מיט איהר פארב אין פריהלינג, נאר הערבסט-צייט פאלט זי צו דרערד ווי א האלב נעשאסענע פייגעל ווען יענער האבען בערויבט; איך וויל בלייבען דער פייגעל פון אייביג דוירענדען פריהלינג.

ניין, ניין דו קאנסט עס נישט, פערשוואונד דו, דו מיט מיר.

איהרע רייד הער איך נאך, דאן און אין מיר ערוואכט א אויפשטאנדס-קראפט צוזאמען מיט א שוואכען ווילען פון קושען די שטראהלען פון דער פערגעהענדער זון איך פאל און הויב זיך אויף וויין און לאך זיך אוים.

נאר, וואס איז דאס עפעס פאר א ווינטעל פארבי מיינע אויערען? אך, דאס איז ס'אלטע זינגענדע ערד-ליעד; דער זומער איז אוועק... די בלום געפאלען... א בלעטעלע א פאלענדעס דא — א ווינטאלע א שיועבערינס דארט, חא חא דאס זענען מיינע 36 טעג חא חא! דאס איז די פליה מינוט פון מיין לעבען, איך אוועק אין דו — א דו מיט מיר, נאך איין מינוט... גראב אים א גרוב און פערשוואונד!... איך צו א פריהלינג און דו צום הערבסט... צום הערבסט מיט מיר — ווער זשע וועט שטארבען א פריהער? ווער?

א. גראסמאן.

# אהיים...

מיין מאמען — א מתנה.

ס'האט די ווייטקייט מיך גענארט,
געבלענדט מיט בוינען-פארבען;
מיין בעגינען איז אוועק, —
איך וויל אהיים גייהן שטארבען...

ברומט ניט ווינדטען, קלאגט ניט מעהר, —
איך האב מיין וועג גענומען...
פעלד און וואלד, א, זייט געגרוסט! —
איך מוז אהיים נאך קומען...

ס'מוז געשעהן! — מיין מאמע בענקט...
מעג פינסטערער נאך ווערען —
מאמע, כ'קום און געה אהיים,
כ'וויש דיר אוים די טרעהרען...

צארט... דער וועג, ווי שווער א היץ:
פערוואקסען אלע וועגען...
גיסט פון הארצען דאך א ליכט,
בעשיינט מיר טייזענד וועגען...

היים! שפרייט-אוים דיין צארט געוועב
און פלעכט מיך איין אין צווישען...
מאמע... ברידער... שוועסטערלעך...
איך זאל זיי נאר דערווישען...

# דאס טויטע הויז.

(א בילד).

א ביסעל אן א זייט, אזוי ווי ס'וואלט עס דער עקסטרע ארויסגעהיקט פון דער רייהע, שטעהט א נידעריג הילצערן הייזעל. דער דאך — געדעקט מיט אלטע האלב-פערפוילטע שינדלען, אויף וועלכע ס'האקסט שוין גראז; די פענסטער — קליינע מיט פערשטויבטע שייבען, טהיר און לאדען געפארבט אויף רויט.

שטעהט דאס הייזעל אין גוישען געסיל, און מען רופט עס — „דאס טויטע הויז".

מיט יאהרען צוריק, ווען דאס גוישע געסיל איז נאך נישט געווען ברוקירט, א סך פלעצער זענען נאך געווען שטיקער פרייפעלד, איז דאס דאזיגע הויז געווען גלייך מיט אלע אנדערע הייזער.

דא האבען געוואוינט יודען, וואס זענען א גאנצען טאג ארומגעגאנגען אין מארק מיט'ן שטעקעלע און איסגעקוקט עפיס א פריצ'ל; הייבער, וואס זענען פון אין דער פריה ביז ביינאכט געזעסען פאר דער טהיר און „געמוטשעלט". ווי אין אנדערע הייזלעך זענען אויך דא געווען א צוויי-דריי נידריגע געהעלבלעך מיט סעררויכטע בעלקים. איינס — מיט א ביסעל אלט אייזען, געפלאצטע רייסען, סאנדרעס מיט דזשענעכטש, סמארעוידלע צו רעדער, און מיט צעלניק, אדער שפיין.

פאר יעדען געזעלבעל איז זיך געזעסען דער קרעמער, אויסגעקוקט א קונה אין א גאנצע האך געבעטען אויף דאנערשטאג; ווען די פויערים דארפען קומען פון די ארומיגע דערפלעך.

פאַרנאַכט ווידער האָבען זיך בײַ דעם דאָזיגען הײַזעל צוזאַמענגעקליבען חדר־יונגלעך—מיט אַ שטיל פערטראַכטקייט דערצעהלט מעשיות פון בת־מלכות, וואָס זענען זיבען יאָהר געווען פערשטיינערט, פון גזלנים, פרינצען, און פון אַלטע מכשפים, וואָס האָבען זיך אויסגעהאַלטען אין געדיכטע פאַרצײַטישע וועלדער.

זינט אָבער אין דעם דאָזיגען הויז האָט זיך בעזעצט די שוואַרצע שײַנדעל, וואָס איז אַהער געקומען אויס פון יענער זײַט ים, האָבען זיך געוועלבלעך ביסלעכווײַז פערמאַכט, די יודען מיט די ווײַבער—אַרויסגעצויגען, די קינדער האָבען זיך פערקליבען ערגיץ אַנדערש.

און פון דאַמאָלסט אָן רופט מען עס: „דאָס טויטע הויז“.

די שטעטעל־לײַט שעמען זיך דערמיט און ווײַכען עס אויס, ווי אַן אומרײַנע זאַך. קומט אַמאָל אויס—אַ יוד דאַרף גראָד האָבען עפּיס אין גויעשען געסיל און מוז פאַרבײַגעהן פאַר דעם הויז, געהט ער אַ שטיק פריהער אַריבער אויף דער צווייטער זײַט, שפּײַט אויס און קוקט זיך אַפילו נישט אום דערויף. געהט דורך אַ יודענע—שאָקעלט זי מיטן קאָפּ, זיפצט אָב און שעלט וועמען מיט טויטע, פינסטערע קללות. און אַז ס'מאַכט זיך אַמאָל—ווײַבער געהען צוזאַמענעהמען פאַר אַן אָרימע כלה, צי אַזוי פאַר אַ געפאַלענעם מענשען, מײַדען זיי דאָס דאָזיגע הויז אויס. חאָטש זיי ווייסען, אַז דאָ האַלטען זיי אָפּשר געקריגען די שענסטע נדבה.

און אַפילו חדר־יונגלעך, אַז זיי געהען אין אַלטען גאָרטען אַרײַן און קומען צו נאָהנט צום „טויטען הויז“, שאַרען זיי זיך צו איינער צום אַנדערען און מיט אַ שטילען ציטער, טײַטלענדיג מיט די פינגער—דערצעהלען זיי, אַז בײַנאַכט שפּרינגען דאָ אַרום שדים מיט רוחות און טײַלמאָל הערט מען אַפילו, ווי זיי טאַנצען און זינגען. נישט איין יונגעל וועקט זיך אַמאָל אויף אין מיטען דער נאַכט, קוקט זיך דערשראָקען אַרום איבער דער פינסטערער שטוב און לויפט געשווינד אַרײַן צום טאַטען אין בעט אַרײַן.

טײַלמאָל ווידער, אַז אַ פערליעבט פּאָרעל, פערבלאָנדזשעט אַמאָל אַהער און דערזעהט פלוצלינג די הויכע טהיר און לאָדען—דערווײַטערען זיי זיך איינער פון אַנדערען, קוקען אויף די שטומע און חילען, בעהאַלטען די בישהדיגע רויטקייט, וואָס האָט זיך בשעת־מעשה צוגאָסען איבער בײַדעס פּנימער.

שוין אַ פּאָר יאָהר, ווי יעדען פאַרנאַכט, ווען ערגיץ אַנדערש צינדט מען אָן לאָמפּען, ווערט אין דעם דאָזיגען הײַזעל פערמאַכט טהיר און לאָדען און עפּיס אַ שווערער זינדיגער סוד נעהמט דערויף שוועבען. שמאָלע צינגלעך ליכט, וואָס רײַסען זיך, וואו־נישט־וואו, אַרויס דורך אַ שפּאַלט פון לאָדען, דערצעהלען פון אַ שטילע פערבאָרגעניש, וואָס רוהט אין יעדען ווינקעל פון די אינהענדיגסטע שטיבלעך.

און וואָס טיפער ס'ווערט די נאַכט, וואָס שטילער—און געסיל, ווערען די שמאָלע פּײַערלעך שאַרפער, העלער, ווערט דאָס פערבאָרגעניש אָפענער און ס'דאַכט זיך, אַז עפּיס רופט דאָ און ציהט צו זיך...

ווײַבער, וועלכע ס'איז אַמאָל אויסגעקומען בײַנאַכט דאָ דורכצוגעהן, דערצעהלען, אַז ס'פלעגט זיי בעפאַלען אַ יא אימה, דאָס האָר אין נעגעל האָבען זיך זיי אויסגעשטעלט. עפּיס האָט זיך זיי נור געדאַכט, אַז ס'לויפט זיי ווער נאָך און שלעפּט זיי בײַ די קליידער.

וואָרים אַלץ איז דאָ פינסטער און שרעקעדיג. אָט קריכט אַרויס פון אַן אונטער־געסעל עפּיס אַ טונקעל געשטאַלט פון אַ יונגענמאַנטשיק, אָדער פון אַ בחור'ל, אויסגעשטעלט ס'קעלנער'ל וואַרפענדיג אויגען אין אַלע זײַטען—שאַרט ער זיך פלינק אַרײַן אין פאָדער־הײַזעל און דאָרט פערשווינדט ער.

געהט אַמאָל דורך אַ גוי, אָדער אַ יונג אָפיציר'ל — דאַלב שכור, קלאַפּט ער אָן אין לאָדען און שטעלט זיך אַנידער וואַרטען. דערהערט זיך פון אינווייניג ציערשט עפּיס אַ גערודער, דערנאָך אַ שטילע פרויען־שטימע:

— „כטאָ טאַם?“...

— איך!...—ענטפערט דער, וואָס איז אין דרויסען,—דײַן „סטאַך“, עפען, שוואַרצע „קאָכאַנקע מײַנע“...

ווערט אויף אַ מינוט שטיל. דערנאָך נעהמען זיך רוקען ריגלען, שלעסער שליסען זיך. און אין אַ ווײַלע אַרום בעווײַזט זיך אויף דער שוועל די שוואַרצע שײַנדעל מיט איהר גלאַנציגען קאָפּ האָר, אין אַ ברייטע דורכזיכטיגע בלוזע, און מיט אַ פערפיהרעריש שמייכעלע אויף די דיקע ליפּען.

זי בעטראַכט דעם אָנגעקומענעם, שטשערעט אויס, בשעת־מעשה, אַ מויל ווײַסע צייהן. און אַז זי דערקענט איהם, ציהט זי איהם אַרײַן אינווייניג.

ווידער שליסען די שלעסלען און ווידער ווערט שטיל.

אין טײַלמאָל, שוין גאָר שפּעט, ווען אומעדום זענען שוין לאַנג אויסגעלאָשען די לאָמפּען און אַ מיעדער שלאָף רוהט אויף גרויס און קליין, רײַסט זיך פלוצלינג אַרויס פון אונטער די פערמאַכטע טהיר און לאָדען אַ הייזעריג געזאַנג פון אַ מאַנסבאַרשוין, אויסגעמישט מיט אַ הויך צולאָזט לאַכען פון אַ פרוי. אַמאָל ווערט עס באַלד שטיל און אַמאָל חזר'ט עס זיך איבער נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל.

פערגליסט זיך אַמאָל דעם נאַכט־וועכטער, וואָס שטעהט אין מיטען מאַרק—קריכט ער אַהער, קלאַפּט בלומרשט מיטן שטעקען און רעדט עפּיס מיט אַ פערלעגענעם קול. נאָר, אַז ער קריגט אַ גלעזעל בראָנפען און אַ וואָרינק מיט די אויגען פון דער שוואַרצער שײַנדעל,—שלעפּט ער זיך פאַמעלעך צוריק און שטעלט זיך אַוועק אויף זײַן פריהערדיגען אָרט.

אַזוי נאַכט בײַ נאַכט.

אין פאַרטאָג, ווען ס'הויבען זיך אָן צו לעשען אײַנציגווײַז די עטליכע לאַמטערנדלעך, ערגיץ וואו בעווײַזט זיך אַ פּעריש פערד אין הײַזעלע—שאַרען זיך פאַמעליך אַרויס אײַנגעקאָרטשעטע געשטאַלטען, אַזוי ווי שדים האַלטען פון ערגיץ־וואו אַרויסגעקראָכען, און פערנורעט ס'קעפּעל צווישען די אַקסלען, ווערען זיי פערשוואונדען אין די נאָהנטע געסלעך.

ס'האַקען זיך אָב די שמאָלע פּאַסיקלעך ליכט, וואָס האָבען זיך אַזוי שאַרף אין חוצפהדיג אַגאַנצע נאַכט געריסען אין געסעל אַרײַן; און אַ מיעדע טויטע שטילקייט הילט אַרום דאָס הויז. ס'ווערט אַרום לעדיג, הויל, אַזוי ווי ס'וואָלט עמיץ דאָס הײַזעל אָבגעשניטען פון דער וועלט.

און ווען אין דרויסען איז שוין גרויסער טאָג—יודען לויפען אַרום צווישען די סוחרלעך, ווײַבער פּאָרען זיך, שרײַען איבער איינס ס'אַנדערע; זענען נאָך אַלץ אין „טויטען הויז“ די לאָדען פערמאַכט, די טהירען פערשלאָסען, אַזוי ווי די מענשען האַלטען דאָ אַ מיטשלאָפען געוואָרען אויף אייביג.

אַפילו דאַמאָלסט, ווען די לאַטערנדלעך עפענען־זיך, אין אויף דער שוועל בעווײַזט זיך די שוואַרצע שײַנדעל: אַ בלאַסע אין אַ לאַנגען שלאָפראָק, דאַכט זיך אַלץ, אַז די לאָדען זענען נאָך פערמאַכט אין די לײַדיגע שטילקייט—איז נאָך מעהר לײַדיגער, מעהר אָנגעשטרענגטער... און דאָס הײַזעל איז דאַכט זיך נאָך אַלץ אין עפּיס געהיימניספולעם פערהילט.

**יהושע פּערלע.**

# פאָלקלאָר.

פון פנחס גראַובאַרד'ס זאמלונג.

## דער שד.

כאָר זינגט:

1-טער חסיד:
אַזוי טון מיר אונז חסידים'לעך זיך פירען,
אַז מיר זענען אונטער-וועגען:
מיר טון דעם רבין איינקוואַטירען
און מיר טון טאַקי נאָך קיינעם נישט פרעגען.
דאָ וועלען מיר טאַקי זיינע נסים דערציילען,
ווינדער גאָר אָהן אַ שיער,
חלילה גאָר נישט קיין שטותים.

כאָר:
אוי, אוי, אוי,
אוי, טשעם-בע-רע-בי!
דעם רבי'נס מופת איז דאָס געווען.

2-טער חסיד:
דאָס האָבען מיר אַלע, אַליין, געזעהן,
וואָס פאַר אַ נסים ס'איז נ'רבין געשעהן,
וויַל נ'רבי'נס מופת איז דאָס געווען,
נ'רבי'ן וואויל, נ'רבי'ן וואויל, נ'רבי'נס מופת איז דאָס געווען.

1-טער חסיד:
מיר זענען אַמאָל מיט'ן רבי'ן אויפ'ן ים געפאָהרען,
האָבען מיר געזעהן אַ גרויס נס,
וואָס אַפּיקורסים פאָהרען טעג און יאָהרען,
זעמער געפאָהרען און איין מעת-לעת.
דער רבי האָט מיט דער גאַרטעל די שיף געצויגען,
מיר זעמער געזעסען גאַנץ בערוהיגט,
די שיף איז געפלויגען ווי אַ פייל פון בויגען,
טויזענד מייל דורך איין מינוט.

כאָר:
אוי, טשעם-בע-רע-בי!
דעם רבי'נס מופת איז דאָס געווען.

1-טער חסיד:
די שיף איז געגאַנגען
אָהן קוימען און אָהן רויך,
ס'איז אַלץ געווען
דעם רבי'נס כח.

כאָר:
אוי, אוי, אוי,
אוי, טשעם-בע-רע-בי!
דעם רבי'נס מופת איז דאָס געווען.

2-טער חסיד:
מיר זעמער אַמאָל מיט'ן רבי'ן אויף אַנ'אינזעל געוואָרען פערוואָרפען,—
האָבען מיר געליטען גרויס נויט:
עסען האָבען מיר געטון בעדאַרפען
און מ'האָט נישט געהאַט קיין שטיקעל ברויט.
ווי דער רבי האָט דאָס דערהערט,
האָט ער געטון צוויי ווערטער ריידען—
אַ פולע שיסעל מיט געקעכטס
איז שוין געשטאַנען אָנגעגרייט פון גן-עדן.

כאָר:
אוי, אוי, אוי,
אוי, טשעם-בע-רע-בי!
דעם רבי'נס מופת איז דאָס געווען.

2-טער חסיד:
פאַר שמחה זענען מיר געשפרונגען
גאַנץ הויך,
ס'איז אַלץ געווען
דעם רבי'נס כח.

כאָר:
אוי, אוי, אוי,
אוי, טשעם-בע-רע-בי!

3-טער חסיד:
דעם רבי'נס מופת איז דאָס געווען.
ס'איז ביי אונז אַמאָל אַ חסיד'ל געוואָרען פערקראָכען,
האָט'ן טאַקי אַ שד גאָר דערטאַפּט,
ער האָט אים טאַקי גאַנץ גוט די ביינדעלעך צובראָכען
און דערצו גאַנץ גוט אויסגעקלאַפּט.
ווי דער רבי האָט דאָס דערהערט,
איז ער טאַקי אין כעס געוואָרען
נ'שד האָט ער בעגראָבען אין ד'ערד,
ער האָט אויף איהם אויסגעגאָסען זיין גאַנצען צאָרן.

**כאָר:**
אוי, אוי, אוי,
אוי, טשעם-בע-רע-בײַ!
דעם רבינ'ס מופת איז דאָס געווען.

**3-טער חסיד:**
דער שד האָט געשריגען
גאַנץ הויך,
ס'איז אַלץ געווען
דעם רבינ'ס כּח.

**כאָר:**
אוי, אוי, אוי,
אוי, טשעם-בע-רע-בײַ!
דעם רבינ'ס מופת איז דאָס געווען.

**קאַפּעל-לעמעל:**
ס'איז שוין צײַט צו מלוה-מלכּה.

**כאָר:**
יאָ, יאָ, רבי-קדושה.

**רבי:**
קאַפּעל-לעמעל מיט עקיבא-וועליגען וואָלען גיין נאָך משקה!
לחיים, ברידערלעך, אַ גוטע וואָך,
אַ כּוסה ניִשט געזשאַלעוועט,
לאָמיר טרינקען נאָך,
לאָמיר זיך האָבען אויסגעבעטען אַ גוטע וואָך.

**כאָר!**
אוי, אוי, אוי,
אוי, טשעם-בע-רע-בײַ!
דעם רבינ'ס מופת איז דאָס געווען.

**רבי:**
דער שבת-קודש איז געגאַנגען זײַן וועג,
ס'קומט שוין אָן די וואָכענדיגע טעג,
דאַרום מאַכען מיר אַ כּוסה —
ניִשט קיין קליינע, נאָר אַ גרויסע
און נאָר דער זכות פון שבת,
אוי, שרײַט שוין, ייִדעלעך, שבת.

**כאָר:**
שבת, אוי, שבת!

**רבי:**
אַז דער שבת-קודש קומט אָן,
איז פאַר אונז אַ טײַערער פאָהן.
ס'איז נאָר פון יאָהרען לאַנג,
דער באַרג סיני דאָרט,
דאָס איז אַ הייליג אָרט,
ס'איז פאַר אונז אַ געשאַנק.

(עס קומען אַרײַן צוויי חײַבער).

**חײַבער:**
אוי, ווײ, אוי, ווײ!

**רבי:**
וואָס איז דאָס? וואָס איז דאָס?

**חײַבער:**
אַ ניִשט-גוטער איז אין אונזער שטעדטיל אַרײַנגעקומען, אוי, ווײ,
ער האָט זיך איבער אונז געטומען, אוי, ווײ!
מיר בעטען אײַך,
העלפט אונז שוין גלײַך,
רבינו, רבינו, טוט אײַך שוין בעמיהען,
פאַר אונז תּפילה צו טון.
רבינו, רבינו!

**רבי:**
גייט שוין, גייט שוין אַהיים געשווינד,
אוי, ווײ, אוי, ווײ!
ס'וועט שוין זײַן אַלדאָס גוטס יעצינד,
אוי, ווײ, אוי, ווײ!

(ווייבער אָב).

**רבי:**
יעטזוועדער, וואָס די מצוה צו שלש-סעודות דאַבײַ.
דער וועט פון גהנום זײַן פרײַ.
אָבער אונז חסידימ'לעך היטען אָפּ די מצוה מיט אַ כּוית,
אַפילו נאָר אין פרעמדען בית.
אוי, נאָר אין זכות פון שבת
און שרײַט שוין, ייִדעלעך, שבת.

**כאָר:**
שבת, אוי, שבת!

**רבי:**
אַז דער שבת קודש קומט אָן,
איז פאַר אונז אַ טײַערער פאָהן.
ס'איז גאָר פון יאָהרען לאַנג,
דעם באַרג סיני דאָרט,
ס'איז אַ הייליג אָרט,
ס'איז פאַר אונז אַ געשאַנק.
יעצט לאָמיר זיך געזעגענען מיט די נשמה יתרה,
זאָל מען בעטען, מ'זאָל ניצול ווערען פון דער בייזער גזרה.
זי גייט אויפ'ן הימעל גאַנץ הויך,
פאַר אונז בעטען האָט זי כּח.
אוי, נאָר דער זכות פון שבת,
שרײַט שוין, ייִדעלעך, שבת!
טון מיר זיך בעמיהען,
די מצוה צו טון.
מיט בני כּלה מיט'ן שענסטען געזאַנג
זעמער זיך מכין;
די מלוה-מלכּה צו גרייכען,
ס'איז פאַר אונז אַ געשאַנק.

(עס קומען אַרײַן די צוויי חײַבער).

**חײַבער:**
אוי, ווײ, אוי, ווײ!

**רבי:**
וואָס איז דאָס? וואָס איז דאָס?

**חײַבער:**
אַ ניִשט-גוטער איז בײַ אונז אין שטעדטיל אַרײַנגעקומען
און האָט זיך איבער אונז געטומען.

**חסידים:**
אוי ווײ, אוי ווײ!

ווײַבער:
מיר בעטן אײַך,
העלפט אונז גלײַך!

חסידים און ווײַבער:
רבינו, רבינו!

ווײַבער:
מיט אײַך שײַן בעמידיגן,

חסידים און ווײַבער:
רבינו רבינו!

ווײַבער:
מיט שײַן פאַר אונז בעטן,
אַז דער שד זאָל פון אונז אָפּטרעטן.

חסידים און ווײַבער:
רבינו, רבינו!

רבי:
גייט שוין, גייט שוין אַהיים געשווינדער.

ווײַבער:
אוי ווײ, אוי ווײ!

רבי:
ס׳וועט שוין זײַן אַלדאָס גוטס פון יעצונדער.

חסידים:
אוי ווײ, אוי ווײ!

ווײַבער:
מיר פאָלגן אײַך,
מיר גייען גלײַך.

חסידים און ווײַבער:
רבינו, רבינו!

ווײַבער: מיר זאָגער פאַר אײַך מתודה אונזער חטא.

חסידים און ווײַבער:
אוי ווײ, אוי ווײ!

ווײַבער:
איהר זאָלט שוין קובר זײַן דעם שד.

חסידים און ווײַבער:
אוי ווײ, אוי ווײ!

רבי:
לאָמיר בעטן פאַר אונזערע כשרע ייִדעלעך.

חסידים:
אוי ווײ, אוי ווײ!

רבי:
פאַר אונזערע כשרע חסידימלעך.

חסידים:
אוי ווײ, אוי ווײ!

(עס קומט אַרײַנצולויפן אַ חסיד).

חסיד:
אוי, רבי, כ׳האָב געזעהן!

רבי:
וואָס האָסטו געזעהן?



חסיד:
אוי, רבי, כ׳האָב געזעהן!

רבי:
וואָס האָסטו געזעהן?

חסיד:
כאַ-כאַ-כאַ, כ׳האָב געזעהן!

רבי:
חסיד-שוטה, טיפּש, וואָס האָסטו געזעהן?

חסיד:
כאַ-כאַ-כאַ, רבינו-קרוין, כ׳האָב געזעהן.

רבי:
וואָס האָסטו געזעהן?

חסיד:
אַ שד.

רבי:
מאָ נעם די לילקע און לייג איף דער בריגען,
וועט דער שד באַלד אַוועקשווימען.

חסידים:
אַ האַ-האַ-האַ, גרויסער בעל-מופת!

(עס קומט אַרײַן אַ שד. די חסידים לויפן צו צום רבי׳ן).

חסידים:
האָט קיין מורא, האָט קיין מורא,
מיר זעמער מיט׳ן רבי׳ן אינאיינעם,
מיר וועלן פאַרטרײַבן די שוואַרצע סחורה,
מיר האָבן נישט קיין מורא פאַר קיינעם.

חסיד:
אָט ער פײַפט,
די הערנער שטײַף.

חסידים: וואָט קוקט נאָר, וואָט קוקט נאָר דעם נישט-גוטען,
כאַפּט שוין, כאַפּט שוין גיך,
גיכער, גיכער, די שוואַרצע סחורה,
כאַפּ, כאַפּ, כאַפּ!

שד:
וואָס זאָל איך יעצונד טון,
אַז איך בין אַ נישט-גוטער,
זיי לאָזן מיך נישט אײַנרוהען,
זיי מאַכן מיר מײַן לעבן ביטער.

חסידים:
שטיל, דו נישט-גוטער!

שד:
אוי ווײ, ס׳איז ביטער!

חסידים:
שטיל, דו מזיק!

שד:
איך מוז דאָך זאָגן מײַן שאַנדע,
דען זיי ווילן מיך דערדריקן,
אַז איך קום פון אשמדאַי׳ס קאָמאַנדע
און איך בעט בײַם הייליגן רבי׳ן אַ תקון.

**חסידים:**

שטיל, דו נישט־גוטער!

**שד:**

אוי ווי, ס'איז ביטער!

**חסידים:**

שטיל, דו מזיק!

**שד:**

יעצט גיי איך צום רבי'ן אליין,
אפשר וועט העלפען מיין געוויין.
איך מוז דאך טון מיין שליחות,
איבער דעם בעט איך מ'זאל מיך לאזען צו אלדע בייזע רוחות.

**חסידים:**

שטיל, דו נישט־גוטער!

**שד:**

אוי ווי, ס'איז ביטער!

**חסידים:**

שטיל, דו מזיק! —
יעצט וועט מען אַן עצה קלערען,
וואס מיט אים זאל זיין,
ער זאל נישט קענען צוריק אומקערען
אין אונזער ־בול אריין.

**חסיד:**

מיין עצה איז דאך, ער זאל ווערען צובראכען —
אזוי זאל זיין,
די הערנער זאל מען אים צובּרעכען
און שטעקען אין דר'ערד אריין.

**חסידים:**

דיין עצה טויג דאך נישט,
אזוי קאן נישט זיין,
נאר ווי דער רבי וועט זאגען,
אזוי זאל זיין.

**א חסיד:**

מיין עצה איז דאך, ער זאל ווערען צוּבראכען —
אזוי זאל זיין,
א קעסעל מיט סמאלע זאל מען אפקאכען
און ווארפט'ס אים דארינען אריין.

**חסידים:**

דיין עצה טויג דאך נישט —
אזוי קאן נישט זיין,
נאר דער רבי וועט זאגען —
אזוי זאל זיין.

**רבי:**

מיין עצה איז דאך גוט —
אזוי מוז זיין:
בינד'ט אים פעסט מיט שטריק
און פירט אים אין מדבר אריין.

**חסידים:**

דעם רבי'נס עצה איז טאקי גוט —
אזוי מוז זיין:
כאפט אים, בינדט אים פעסט מיט שטריק
און פירט אים אין מדבר אריין.

(די חסידים בינדען דעם שד און ווארפען אים ארויס).

**חסידים:**

פורים איז טאקי א יום־טוב כ'לעבען,
ווייל מ'קאן הוליען און לעבען.
איבער דעם זאל מען לוסטיג זיין,
טרינקען לאמיר וויין.
מרדכי האט געזעהן, אז יידען שטייען שלעכט,
האט ער געפאַסט טעג און נעכט.
דורך אסתר המלכּה איז ס'נס געשעהן,
ווייל זי האט פאַר אונז מתפּלל געווען.
איבער דעם זאל מען לוסטיג זיין,
טרינקען לאמיר וויין.
פורים איז דאך א יום־טוב פאר דער וועלט,
איבער דעם זאל מען 'נישט ושאלעווען קיין געלדט.
לאזען מיר טאקי הוליען און לעבען,
ווייל ס'איז דאך א יום־טוב כ'לעבען.
לאמיר לוסטיג זיין,
טרינקען לאמיר וויין.
טרי־רא־ראם, באם, באם, באם!

**רבי** (צום איניקעל):

קום אהער, מיין קינד, קום אהער, מיין קינד,
א שליסעל פון פּרנסה וועל איך דיר געבען,
איך גיי שוין אוועק פון דער וועלט גיך און געשווינד,
ווייל איך פערזארגען זאלסט דאכען צולעבען...
איך רעכנט מיך שוין אויפ'ן טויט,
איך גיי שוין אוועק פון דער וועלט,
וויל איך דיך פערזארגען מיט ברויט,
און דערצו א קאַל מיט געלדט.
זאל איך דיך מאכען פאר א קצב, א שינדער,
ביזט א הולטיי א גרויסער.
זאל איך דיך מאכען פאר א מלמד פון יידישע קינדער,
ביזט אַן עם־הארץ א גרויסער.
קאנסטו דאך דאס אלעס נישט טון,
טא קום־זשע אהער צו מיר,
איך וועל דיך זעצען אויף מיין פארדאָען(?)
מ'וועט דיך רופען רבי במקום מיר.
איך פלעג זיך זיצען אין מיין חדר בעזונדער,
איך פלעג צולייגען דאס אויער צו דער טיר, —
דער איך ווי מיינע חסידים דערציילען פון מיינע ווינדער
גאר אהן א שיעור.
דער קוויטעל־שרייבער איז געווען מיין פארלייגער,
דער שמש איז געווען מיין פארשפרעכער,
איך זיץ זיך און טו קוויטלען פון געלעכטער גאר בעזונדער.
ס'איז א מאל א ווייבעל צו מיר געקומען,
קודם האב איך פון איהר ג'פדיון אפגענומען
איך פלעג זיך לעבען אהן זאת
און זי געבענשט מיט המנ'ס ברכות.
זי האט א מאן מיט שלעכטע מערכות —
און נעהמען פּדיונים פון אלערליי!
דער מאן האט זי געשלאגען, האט זי געטון וויינען,
סדאס מיר אסור געטון ווי...

ס'איז אַמאָל געווען אַנ'אשה עקרה
און אַ מיידעל איז געווען בלינד,
וועגען זיי ביידע צו מיר געפאָדערען
איך זאָל זיי מאַכען געזונד.
דאָס האָבען אַלע געזעהן,
דאָס נס, וואָס דאָרט איז געשעהן —

— — — — — — — —

און די אשה האָט געזעהן.
אַז איך האָב בעוויזען אַ גרויס נס,
דאָס האָבען אַלע מיינע חסידים געזעהן,
אַז ס'איז אין שטעדטיל אַ סיבה געשעהן,
האָב איך געפאַסט דריי מעת-לעת.
ס'איז אַמאָל אַ שד אין אונזער שטעדטיל אַריינגעקומען
און געוואָלט אַלע מזיק זיין,
האָב איך איהם ביי די אויערען אָנגענומען
און געשלעפּט אין מדבר אַריין.

**חסידים:**

ווייל מיר וועגען חסידימ'לעך,
טריי-ראַ-ראַ-ראַ-ראַ!
מיר טאַנצען און שפּרינגען ווי לעמעלעך,
פון די פּאות ציהען מיר זאָקענבענדעלעך,
טריי-ראַ-ראַ-ראַ!
מ'שאָקעלט מיט'ן ספּאָדיק פאַלען רענדעלעך,
טריי-ריי-ראַ-ראַ-ראַ!
די דייטשען האָבען אויסגעקלערט אַ נייעם פּלאַן,
טריי-ריי-ראַ-ראַ-ראַ!
ווי אַזוי ס'קאָן גיין אַנ'אייזען-באַהן,
טריי-ריי-ראַ-ראַ-ראַ!
די חסידים האָבען אויסגעקלערט אַ נייעם פיל.זיף,
טריי-ריי-ראַ-ראַ-ראַ!
ווי אַזוי ס'זאָל גיין אַ דאַמפּ-שיף,
טריי-ריי-ראַ-ראַ-ראַ!
גוט-וואָך, גוט-וואָך, גוט-וואָך!

פערשרייבען אין קוטנא (וואַרש. גוב.) מיט דער מיט-הילף פון מ. סופיט און אַ. בערנער

# עֲקֵדַת יִצְחָק.

**פּאַיאַץ:**

גוטען נאָווינט, גוטען נאָווינט
מיינע ליבע הערען
וויר זענען געקאָמען
אַשפּילע צו מאַכען
ביטע אונז צו הערין
ווינשען זי צו וויסען ווער איך בין
דער ערשטער פון די אַקטיערען
דיזע שפּיעל פאַנגען וויר אַן
פאָטער אַבראַם
קומט היער אַראַן
מיט דיזען פאָטער אַבראַם
פאַנגט זיך דיזע שפּילע אַן
דיזער אַבראַם
איזט איין פרימער געוועזען
זי האַבען עס געווים
אין די תורה גילעזען
זאָ ווי גאָט האָט איהם
נאָטוען באַקליקען
זיין זאָהן יזאַק צו די עקדה צופיהרען
נאָטס זאַכע האָט ער גיטאָן
אונד דאָס מעסער
צו זיין זאָהן צו שאַכטין
פאַנג ער אַן
זאָ האָט איין ענגעל
באַם האַנט עס גינאָמען

דיזער יונגע
זאָל ניכט אָמקאָמען
דיזע געשיכטע —
פאַנגט אַן צו שפּילען
ביטע שטיל ניכט צו הולען
היער קאָמט אַריין
פאָטער אַבראַם צו גיין
אַריין אריין
פאָטער אַבראַם דו מיין

**אַברהם:**

פון מיין זאָהן יזאַק
קאָם איך צו גיין
ווי ליעב איזט ער מיער
אונד זיין תורה ווי שיין
ער זיצט און זיין גיצעלט
פאָן מאָרגען ביז נאַכט
אין דו הייליקע תורה
זיצט ער אונד טראַכט

**גאָט:**

אַבראַם אַבראַם
קנעכט דו מיין
צום באַרג מוריה
זאָלסט דו גיין
מיין זאַכע זאָלסט דו
ניכט פערהזילען

אונד יזאַק'ן פאַר איין אָפּער
זאָלסט דו מיר קוילען
דו זאָלסט ניכט טראַכטען
דו זאָלסט ניכט שטיין
מיט דיין זאָהן יזאַק
צום באַרק מוריה
זאָלסט דו גיין
יזאַקען פאַר איין אָפּער
זאָלסט טוען געבין
יזאַקלען דיין טרייסט
יזאַקלען דיין לעבין

**אַברהם:**

און גאָטעס זאַגע
ווערדע איך ניכט פערהזילען
אונד מיין זאָהן יזאַק
ווערדו איך פאַר איין אָפּער קוילען

**פּאַיאַץ:**

ביטע מיינע הערען
שטילער צו זיין
דיזער יזאַק
ער איזט נאָך יונג
אונד איזט נאָך קליין
ביטע אַריין
אַריין אַריין
יזאַק דו מיין

יצחק:
אין מיין גיצעלט
וואַר איך געזעסין
אין גאָטעס תּורה
האַבּע איך ניכט פאַרגעסען
גאָטעס תּורה
מיט ווי איין מוטער
דאָס קינד פּערוויגען
און גאָטעס תּורה
טו איך טאַקע
אונד נעכּט קליגין

אבֿרהם:
יזאַק יזאַק
קינד דו מיין
צום באַרג מוריה
ווערדען וויר גיין
דער ליבּער האַר גאָט
האָט מיך בעפוילען
דיך פיר איין אָפּער
צו טאַן קוילען

יצחק:
ליבּער פּאָטער
פּאָטער דו מיין
צו די עקדה
טאָ איך גיין
איין אָפּער פיר'ן האַר גאָט
מיר איזט דאָך
ניכט טייער מיין לעכּין
די מוטער און דערהיים
זי וועט דאָס דערהערין
ווער וועט קענין אָבוואַשען
אירע הייסע טרערען
ביז ניינציג יאָהר
איז זי איין עקרה גיזעסען
זי האַט געמיינט אַז דער האַר גאָט
האָט זי שיאָן פּערגעסען
זי האָט געמיינט
דאָס דער האַר גאָט
וועט זי שוין ניכט אָפּבאָען (?)
אָף דער עלטער האָט איהר
אַ זאָהן געטאָען טראָען
אָף דער עלטער
האָט איהר דער האַר גאָט
אַ זאָהן ניטאָן שענקען
אַצינד ווערדעט מען אים
אָף דער עקדה אומבּרענגען
פּאָטעך פּאָטער
דו זאָלסט גאָר ניכט קלערין
אַז גאָטעס בעפעלע
ווערדע איך ניכט צו הערען
גאָטעס בעפעלע
ווערדע איך טוען
דער ליבּער האַר גאָט
זאָל זיך פאַר מיינע מוטער בעמיהען
דער ליבּער האַר גאָט
זאָל זי געדענקען
אונד דיזע זאַכע
זאָל זי ניכט קרענקען

אבֿרהם:
יזאַק יזאַק
קינד דו מיין
איך דיין פּאָטער
הער דיין גיוויין
וועגען דיין מוטער
זאָלסט דו ניכט קלערין
צו גאָטעס באַפעלע
זאָלסט דו צוהערען
דיין מוטער מעג וויינען
דיין מוטער מעג לאַכען
אַזאַ ווי גאָטעס זאַגע
זאָ מוז מען מאַכען
זאָ ווי גאָטעס זאַגע
זאָ מוזט עס זיין
אונד צו די עקדה
מוזט די קינד גיין

יצחק:
צו די עקדה
טאָ איך שוין גיין
ווי ווערדעט דער פּאָטער
קאָנען הערין
די מוטער'ס געוויין
די מוטער ווערדעט וויינען
די מוטער ווערדעט קלאָגען
ווי ווערדעט דאָס דער פּאָטער
קענין איבּערטראָגען

אבֿרהם:
דאַס איבּערצוטראָגען
ווערדען וויר זיך בּעמיהען
אונד גאָטס זאַגע
מוזען מיר טוען
(זיי געהען אַרויס)

פּאַיאַץ:
ביטע מיינע הערין
שטילער צו זיין
די מוטער שרה
קאָמט היער אַריין
אַריין אַריין
מוטער שרה דו מיין

שרה:
יזאַק יזאַק
זאָ איין בּרילאַנט
ווי גאָט האָט געשאָנקין
אין מאַנע האַנט
אַזאַ איין קינד
אַזאַ איין ליכּט
זאָ ווי די זאָנע
שיינט זיין גיזיכּט
ער זיצט אין זיין ניצעלט
אין לערענט תּורה ווי שיין
און מיין האַרץ
טיט פון ליעב צו גיין

מלאך המות:
זעה וואָס איך
ווערדו דיר וויזען
אַבּראַם אונד יזאַק
האַבּען געטוען קיין מוריה רייזען
דער ליבּער האַר גאָט
האָט איבּער אברמן באַפוילען
זיין זאָן יזאַק
אַף דער עקדה צו קוילען

שרה:
יזאַק יזאַק
קינד דו מיין
איך וויל שאָן ניכּט
לעבּען מיין
שרה פאָלט טיט מען טראָגט זי אַרויס, אַבּרהם מיט יצחק'ן קומען אַריין אברהם בינדט יצחק'ן לייגט איהם אַנידער שטעקט אויס זיין שווערד, יצחק שטעקט אויס זיין קאָפּ אין זיננט
דאָס לעצטע מאָל
שפּרעכּט שאָן דיין קינד
פּאָטער אונד מוטער
בּלייבּען זי געזונד

אבֿרהם:
גייט איהם שאַכּטען

מלאך:
אַבּראַם אַבּראַם
האַלט אָבּ דיין האַנד
גאָט האָט געוואָלט
פּרוּוען דיין פערשטאַנד
דיזען יוננע
זאָלסטו דו ניכּט שאַכּטען
גאָט האָט נור געוואָלט זעהן
וואָס די ווערדעסט טראַכּטען
ווייל ס'איז ביי דיר ניכּט טייער
גיוועזן דיין זאָהנס לעבּען
ווערדעט גאָט דיר דו ערד
פּאָן דיזען לאַנד געבּין
גאָט ווערדעט דיך
אין לאַנד פּערמערין
ווירדעסט זיין זאָ פּיל
ווי אין הימעל די שטעהרען

ענדע.

# עקדת יצחק*).

(2־טער וואַריאַנט).

פּאַיאַץ:

אַ גוטן פּורים אַ גוטן נאָווינד,
מײַנע ליבע לײַטע
אַן פּורים איז דאָס געשטעלט,
אַז אָרימע לײַטע גייען אַרום פאַרשטעלט.
כדי צוקריגן אַ פּאָער גראָשן געלט.
דערום זענען אינין געקומען
דיזן שפּיל צו מאַכן,

דיזע געשיכטע איז זייער באַקאַנט
צווישן די ייִדן אין גאַנצן לאַנד,
ווי אַברהם, דער אַלטער זיידע
האָט זײַן זוהן יזאַק
צו די עקדה געטיען פירן,
דיזע געשיכטע עלין אינין פאָרשטעלין,
ביטע, שטעל ניכט „סאַקערירן"(?).
ניכט צו שטערן
ביטע שוין דיזע געשיכטע אָסצוהערן.
דאָ קומט אַרײַן דער מאַן געפּײַן,
אַבראַם אָבינו הומײַן.
אַרײַן אַרײַן אַבראַם אָבינו הומײַן.

אַברהם:

יעך קום אַרײַן אין דיזע שטיב,
גוטן אָבענד, מײַנע געסטײַן,
ווי איז מאַן זוהן יצחקיל
ער איז דאָך מיער טײַער אין ליב,
יצחקיל מאַן קרוין,
יצחקיל מאַן לעבן,
די גאַנצע וועלט
וואָלט איך פאַר עס אַוועקגעגעבן.
קום אַרײַן צו דאַן פאָטערשע צוגיין,
אַז די לערינסט תורה, איז דאָך די גאַנצע וועלט מײַן.

פּאַיאַץ:

אַרײַן, אַרײַן דאָ קומט אַרײַן
ניכט וואַרטן ניכט צו שטיין
אַ צדיק, יצחק צוגיין
אַרײַן אַרײַן יצחק הצדיק הו מײַן!

יצחק:

אַ גוטן נאָבענד, ליבער פאָטערניו
אין אַלע טאַטע געסטן,
די טוירן פון גן־עדן
האָב יעך געטיען אָסמעסטן.

גאָט:

אַברהם! אַברהם!

אַברהם:

יעך בין אָנגעבריט, דאַן קנעכט.

1) מיט'ן דיאַלוגס.

גאָט:

אַברהם, אַברהם,
נעם דאַן זין יצחקיל, דאַן טרייסט, דאַן קרוין,
און גיי צום לאַנד מוריה, שוין,
דאָס אָרט וועל איך דיער טיען ווייזן,
שנעל אין גיך זאָלסט דאָרט אַהין
טיען רייזען.
פאַר אַ קרבן עולה
זאָלסטו דאָרט דאַן זוהן יצחק אָפּברענגען.

אַברהם:

גאָטין באַפעל מוז מען טיען אָפּשטעלין,
מסתמא טוט עס דאָך גאָט אַזוי געפעלין,
אָבער שרה ווי וועט קענען איבערהאַלטן.
דיזע פינסטערע בשורה,
וועט דאָך טיען איהר קאָפּ צושפּאַלטן,
ווי־באַלד זי וועט דאָס טיען דאַהערן,
וועט זי גיסן מיט ביטערע טרערן.
נאַנציק יאָער איז זי אָן קינדער געוועסן,
מיר געמיינט, אַז דער איבערשטער
האָט אָן אינין שוין פאַרגעסן.
צום הונדערטסטן יאָער
האָט מיער גאָט אַ קינד געטיען שענקען,
יעצונד וועל איך עס מוזן
פאַר אַ קרבן עולה, אומברענגען.
ווי איז דאָך צו מיער אין ווינד,
ווי עלעך קענען אומברענגען
אַזאַ ליב טײַער קינד.
נאָר וואָס העלפט מײַן געוויין,
אַז קענען גאָט טאָר קאַ מענש ניכט גיין.
ליב יצחקיל,
דאָס האָלץ אַף דאַנע פּלייצים
זאָלסטו באַלד באַווייזן
אינין עלין אָנהייבן
צום לאַנד מוריה, צו רייזן,
אַ קרבן עולה דאָרט אָפּצוברענגען.

יצחק:

פאָטערניו און ווי איז דער קרבן?

אַברהם:

דער קרבן וועסטו האַנט זאַן, ליב קינד,
וואָס איך האָב דיך אַזוי שווער דערוואָרבן,
קען יעך דען גאָטס־וואָרט פאַרהוילין,
אַז גאָט ברוך הוא האָט מעך אַזוי באַפוילין.

יצחק:

אָבער פאָטערניו,
וואָס וועט זאָגן די מאַמע און די היים,
זאָט דאָך שוין אָסער מיער קאַ
קינדער ניכט מיין.
ווי וועט זי טיען וויינען,
ווי וועט זי טיען קלאָגן,
אַז מען וועט איער קומען
די פינסטערע בשורה אָנצוזאָגן.

אַברהם:
זי וועט טיען וויינען,
זי וועט טיען זאָגען,
אָבער גאָט האָט אַזוי געטיען באַפעלען
אין אַזוי זאָגען.
אָדער קענען,
וואָס טיט דען אַ מענש וויסען,
גאָט טיט געבען
אין גאָט טיט נעמען.

יצחק:
פאָטערניו, יעך בין שוין גרייט,
צי איז נאָך לייבי פאָטער דאָס לאַנד נאָך וויַיט?

אַברהם:
דאָס לאַנד, קינד, איז נאָנט,
ווייַ איז שוין צי מיער אין ווינד,
געב אַהער די שטריק
וועלעך דיך בינדען צים קרבן מיין קינד.
(אַברהם בינדט יצחק'ן).

אַברהם:
יעצינד וועל יעך טיען,
דאָס מעסער אין מאַני האַנד ברענגען,
מאַן ליב קינד יצחק'יל
פאַר אַ קרבן עולה צי ברענגען.
(אַברהם נעמט דאָס מעסער אין האַנט. אַ מלאך חאַפּט
אים אַן די האַנט).

מלאך:
אַברהם! אַברהם!
די זאָלסט די זאַך נישט טיען.
גאָט האָט געוואָלט נאָר פּריוון דאַן פאַרשטאַנד,
יעצינד וועט גאָט מאַכען דאַני קינדער,
ווי פון ברעג ים דאָס זאַמד,
וועסט זאַן פיל ווי די שטערן אין הימל,
קאַ מענש אין די וועלט וועט אַף דאַני קינדער
נישט קאָנען שיקען קיין פאָרטימעל.
וועסט זאַן גרויס איבער די גאַנצי וועלט,
מיט יצחק'ן עסטי ווערן אָפּגעשטעלט
וואַל די האָסט געוואָלט געבען
פאַר אַ קרבן דאַן זיהן יצחק'יל לעבען
וועט גאָט די ערד צי דאַני קינדער געבען.

ענדע.

# עקדת יצחק.

(3-טער וואַריאַנט).

גאָט:
אַברהם, אַברהם, מאַן קנעכט,
אַזוי ווי כעל דיר זאָגען,
אַזוי עט עס זאַן רעכט,
נעם דאַן זון יצחק דעם יינגסטען גינאָענט,
גיי צי דעם לאַנד,
וואָס כעל דיר וואַזן אין דער נאָענט.
פאַר אַ קרבן עולה זאָלסטי דאָרט
דאַן זיהן אָפּברענגען,
דיזי זאַך טיט פון דיער,
קנעכט אַברהם, אָפּהענגען.

אַברהם:
מאַן ליבער זיהן יצחק,
ווייַ איז מיר און ווינד,
הונדערט יאָער אָבעך גיוואַרט אַף דעם קינד
אַז מי שרה'ן גיקימען
די בשורה צי בראַכען,
אָט זי אָנגיהויבען
זייער שטאַרעק צי לאַכען.
יעצינד, אַף דער עלטער,
האָט מיער גאָט אַ קינד גיטיען געבען
עלעך עס אַליין צינעמען זאַן לעבען,
ווייַ איז מיער ווינד,
ווי עלעך קענען אימברענגען יצחק'לין מאַן קינד.
נאָר גאָט'ס ווילען מיזעך דאָך טיען,
מסתמא עטזעך גאָט וואַטער באַמיהען,
קים נאָר אַראַן יצחק'ל מאַן לעבען
האַלטיך אַף אַג'עולה, זאָלסטי מיער צינעבען
אינץ עלין אַ קרבן עולה אָפּברענגען,
אָן גאָט'ס רייד מיז מען גידענקען,
גאָט'ס עולה מיז מען אָפּברענגען.

יצחק:
איך גיי, טייערער פאָטער,
איך גיי מיר אַזוילע,
זאָג נאָר טאַרער פאָטער,
ווי האָסטי האַנט די עולה?

אַברהם:
די עולה, די עולה,
ווי קען איך דען גאָט'ס רייד פאַרדוילען,
דיך צי ברענגען פער אַנ'עולה,
האָט גאָט מיך באַפוילען.

יצחק:
ליבער טאַרער פאָטער, וואָס וועט זאַן,
אַז די מאַמע עט דאָס דאַרערן,
סעט דעך גיסען פון אירי אויגען
טאַכען מיט טרערען.

אַברהם:
מעג זי שוין וויינען,
מעג זי שוין קלאָגען,
אַז גאָט האָט מיער
נאָר אַזוי גיטיען זאָגען.
מיזעך שוין דיך אימברענגען.
קים, ליבעס קינד, דאָס וואָלע
קים עלין מיר גיין ברענגען אַנ'עולה.
(גייען אַרויס).

שלוחים:
שרה, שרה, דער נאָר וואָס סאָט גישעהן,
ווי אַברהם איז מקריב יצחק'ן האָבען אינץ גיזעהן.

**שרה:**
ווי איז צו מיער, וואָס איז געשעהן,
איך זאָל שוין מאַן יצחק'ל
קיינמאָל נישט זעהן.
(שרה פאַלט טויט, מען טראָגט זי אַרויס).

**אַברהם:** (בינדט יצחק'ן, לייגט אים אויף דער עקדה).
קינד מאַן, קינד,
דאָס איז דאָס אָרט,
וואָס האָט דיך פאַר אַ קרבן צו ברענגען
באַפוילען דער האַר גאָט.

יעצינד עלעך נעמען
דאָס מעסער אין מאַן האַנט,
צו שאָכטן מאַן קינד,
ווי איז מיר און ווינד.

**מלאך** (חאַפט אים אָן ביים מעסער):
אַברהם, אַברהם, האַלט אָן דאַן האַנט,
גאָט האָט נאָר געוואָלט פּריווען דאַן פאַרשטאַנד,
וועסט ווערן גרויס איבער'ן גאַנצן לאַנד,
עס עט נישט זאַן צו דיער גלאַך קאַשום שטאַנד.

קאָזעניץ ראַד. גוב.

# עקדת יצחק.

(4־טער וואַריאַנט).

**פּאַיאַץ:**
קאַפּי־מירען גרופּען(?)
ווען אינזערע האַרען זענען נישטאָ,
טוען מיר בעפּופּען*)
ווען אינזערע האַרען זענען נישטאָ,
טוען מיר בערוהען**).
בערוהען און בעפּופּען,
און די בעטלעך צו שלאָפן
קאָפּו מירען?
טאַראַ־ראַ,
טאַראַ־ראַ,
זינגען מיער
אויף דיזע קוואַטיר,
קימען אינץ די שטיק צו שטעלין,
די עקדה עלין אינץ פאָרשטעלין.
דער ערשטער קימט אַרײן
פאָטער אַברהם מיט זײנע לײטן,
אַלי גיפּען,
שטילער צוזען,
אַרײן, אַרײן, אַרײן,
פאָטער אַברהם דו מיין!

**אַברהם:**
איך, אַברהם, קום דאָ אַרײן
פון מאַן זיהן יצחק'ילס גיצעלט,
קים איך צוגיין.
איך טו דאַנקען און לויבען
אין הײליגן בורא,
וואָס האָט מיר געגעבן אַזאַ זיהן,
וואָס זיצט אין גיצעלט און לערינט
זאַן הײליגי תורה,
וואַיל איז צו מיער
אין צו זאַן מאַמע, וואָס האָט עס דערצויגען.
די שכינה טוט לאַכטען
פון זאַנע אויגען.

1) שלופּען 2) ריהען

**גאָט:**
אַברהם! אַברהם!

**אַברהם:**
איך בין אָנגיבריט!

**גאָט:**
אַברהם, אַברהם,
מאַן ליבער קנעכט,
די זאַך זאָל פאַר דיר זײן רעכט.
נעם יצחק'לען, דאַן זיהן,
וואָס דאַן לעבין
דײן זיהן, וואָס כ'האָב דיר
אויף דער עלטער געגעבין.
און גיי מיט עם אין לאַנד מוריה
פאַר אַ קרבן עולה זאָלסטו
דאַן זיהן דאָרט שאַכטין.
אַברהם, אַברהם,
די זאָלסט גאָרנישט טראַכטין.

**אַברהם:**
איך וועל נישט טראַכטין
און וועל נישט קלערין,
צו גאָט'ס בעפעל
וועלעך מיך צוהערין.
אָבער ווי שלאַכט איז מיר
און ווי ביטער
וי עלעך דאָס קענען טוען
קעגען שרה'ן זאַן מוטער.
ווי עלעך צו איהר קענין
מיט די בשורה קימין,
אַז איהר ליעב יצחק'ל
איז אויף די עקדה אומגעקימין.
וואָס קען איך אָבער העלפען,
וואָס קען איך טוען.
יצחק'יל יצחק'יל,
קים אינץ עלמען
אין לאַנד מוריה צוזשן.

**יצחק:**
אין לאַנד מוריה
טוען מיר פאָטער גיין,
פאַרוואָס איז קאַ עולה נישטאָ
מיט אינץ?

**אַברהם:**
דער בורא אין הימעל
האָט מיך בעפוילין
דיך פאַר אַ קרבן עלה
זאָלעך נישט סערדוילען.

**יצחק:**
פאַר אַ קרבן עולה
טו איך מיך געבין
פאַר דעם, וואָס טוט
אייביג לעבען.
אָבער די מאַמע
און די הנים
ווינד איז צו'ן איהר,
וועט דאָך קימין יינגערהייט
צים קבר דאָרך מיר.

**אַברהם:**
אויף דאַן מיטער'ס צער
זאָלסטו דיך נישט קלערין
אין צו גאָט'ס בעפעל
זאָלסטו דיך צוהערין.
(ביידע גייען אַרויס).

**אַ מלאך:**
שרה, שרה,
די טיסט דיר זיצין
אין דאַן גיצעלט אין טראַכטין
אין אַברהם טוט יצחק'ן
אויף די עקדה שאַכטין.

**שרה:**
ווי איז צו מיר און ווינד
הינטער יאָהר האָבעך גיוואַרט
אויף יצחק'ן,
ביז גאָט האָט מיר גיגעבין
אַזאַ ליב קינד,
יצחק'יל, יצחק'יל, יצחק'יל דו מיין!
וואָס טויג מיר שוין יעצינד דאָס לעבין מײן.
(שרה, פאַלט טויט).

## די עקדה.

אַברה (בינדט יצחקן לייגט אים אַרויף
אויף אַ ברעט, נעמט דאָס מעסער אים
צו שאַכטען).

מלאך:
אַברהם, אַברהם,
האַלט אָן דאַן האַנט
וואַל גאָט האָט נאָר געוואָלט
פּרויוון דאַן פאַרשטאַנד.
וואַל ס'איז נישט טאָר געווען
דאַן קינד'ס לעבען,
עס גאָט דאָס גאַנצע לאַנד
צו דיר געבען.

(ענדע).

אין עהנליכען עקרת יצחק האָב איך געהערט אין בוראַפּעסט ביי אַ משורר פון דאָרטיגען חזן

# אברהם אבינו'ס געבעט.

פּאַיאַץ:
איך קום אַראַן פּאַיאַץ,
דער ערשטער מאַן
מיט אַזאַ גערידער
מיט אַזאַ געשפּאַן.
דיזע זאַך איז גאָר וואָר
די מוטער שרה
וועט האָבען אַ קינד דאָס יאָהר,
דיזע זאַך איז פעסט געשטעלט
צווישען אַלע יידען
אַף די גאַנצע וועלט,
אַברהם אָבינו איז אַ
גרויסער מכנס אורח געוועזען
עך האָט עס אוראַי
און די ביבלעס געלעזען
איך פּאַיאַץ קום אַריין,
נישט צו וואַרטען נישט צו שטיין,
בימע שנעל אַריין, אַריין,
אַברהם אָבינו דומיין!

אַברהם:
אין די הינט פון דעם טאָג
בין איך געזעסען
כאָב געמיינט, אַז דער רבונו-של-עולם
האָט אָן מיר שוין פאַרגעסען.
אַזוי ווי כאָב נאָר
מאַני אויגען אָפּגעהויבען
האָב איך אָנגעהויבען
אין ש״י צודאַנקען און צולויבען.
אַזוי ווי כאָב נאָר
מיט מאַני אויגען געקוקט,
האָבעך געזעהן ווי גאָט
האָט מיר דריי אורחים צוגעשיקט.
אַזוי ווי איך האָב נאָר
מיט אַ גרויסי פריד
זייער פּנים אָנגעטראָפען
בין איך זיי אַנטקעגען געלאָפען.
שרה'לע, שרה'לע,
זאָל ווערען אַ שעפּסילע געהאַקט
פאַר די שיינע אורחים
אַ סעודה געמאַכט.
יעצונד, מאַני ליבע אורחים,
טוט ענקערע פיס אָבוואַשען,
עס מען זיך זעצען צום טיש,
מעט טרינקען און נאַשען.

1-טער מלאך:
איך בין אַ שליח
פון גאָט אַליין געשיקט
פון האַנט איבער-איאָהר
וועט דאַן וואַב שרה ווערען באַגליקט.
אַברהם, אַברהם,
גאָט האָט דיר געלאָזט זאָגען,
אַז פון האַנט איבער-איאָהר,
עט דאַן וואַב שרה ווערען טראָגען.
דאַני מדות טובות,
עבין גאָט געטוען געפעלען
מיט אַ זוהן
עט דיך גאָט טוען אָפּשטעלען
וואַל די האָסט דיך
אין גאָט געטוען טראַען,
וועט דיך גאָט
דאָרך דאַן זוהן אָפּבאַען.
(מען הערט שרה'ס געלעכטער אונטערן פּ.ה.).
וואָס טוט דאַן וואַב שרה
דאָרט אַזוי לאַכען,
צו קען דען גאָט
אַלים נישט מאַכען.
דיזע זאַך וועט ווערען וואָר,
דאַן וואַב שרה וועט האָבען אַ קינד
פון האַנט איבער-אַ יאָהר.

אַברהם:
ווי קען איך הערען,
ווי קען איך גלויבען
כעל ליגען אין בית-מדרש אַראַן
און גאָט וועלעך ליבען.
שרה, שרה,
דאָס איז אַ גרויסער חטא
פון גאָט'ס ווינדער
איז נישט קיין געשפּעט.

שרה:
כאַ' גאָרנישט געלאַכט
און גאָרנישט געשפּעט
כאַ קענען גאָט
גאָרנישט גערעדט.

2-טער מלאך:
פון מאַן קנעכט אַברהם
וועלעך דען פאַרהוילען
אַלערליי זאַכען,
וואָס גאָט באַפוילען.
קיין סדום ועמרה
טו איך יעצונד קוקען,
דאָס געשריי פון דעם מיידעל
קען איך שוין נישט צוקוקען.
זייערע שלעכטע מעשים
קען איך נישט צוזעהן,
יעצונד עלעך אַראָפּגיין,
זייער רשעות צוזעהן.
איך בין אַ מלאך,
כ'גיי פאַרבינדען די לענדין
גאַנץ סדום ועמרה
וועלעך טוען פאַרלענדין.

אַברהם:
צו קען דען באַז דעם,
וואָס איז איבער אַלעם גיראַכט,
צו קען דען באַן עם
קאַ משפּט נישט ווערען געמאַכט.
צו איז דער צדיק

אין דער רשע פון איין שטאַנד,
אַז דאָס גרויסי אומגליק
זאָל זיי טרעפין באַנאַנד.
צי עט דען טיען צערנין
גאָט'ס האַנט
צי משפט'ן איבערן רשע
דאָס גאַנצי לאַנד.
וועט זעך נאָר דאָרטין
פופציק צדיקים גיפינין
קען דאָך שוין אַזך
דאָס לאַנד נישט אומקומין.
וועט דען גאָט
איבערן צדיק און רשע גלאַך צערנין,
דער צדיק טוט דאָך
יום ולילה תורה לערנין.

מלאך:
וועט זעך אין סדום
פופציג צדיקים גיפינין,
וועט שוין וועגין זיי
דאָס לאַנד נישט אומקומין.

אַברהם:
צי קען דען באַס דעס,
וואָס איז איבער אַלעס גיראַכט
צי קען דען באַן עס
קאַ משפט נישט ווערין גימאַכט.
צי איז דען דער צדיק
אין דער רשע פון איין שטאַנד,
אַז דאָס גרויסי אומגליק
זאָל זיי טרעפין באַנאַנד.
צי עט דען טיען צערנין
גאָט'ס האַנט
צי משפט'ן איבערן רשע
דאָס גאַנצי לאַנד.
וועט זעך נאָר דאָרטין
פינעף און פערציג
צדיקים גיפינין,
קען דאָך שוין אויך
דאָס לאַנד נישט אומקומין.
וועט דען גאָט איבערן צדיק
און רשע גלאַך צערנין
דער צדיק טוט דאָך יום ולילה
תורה לערנין.

מלאך:
וועט זעך אין סדום
פינעף און פערציג צדיקים גיפינין,
וועט שוין וועגין זיי
דאָס לאַנד נישט אומקומין.

אַברהם:
צי קען דען באַן עס,
וואָס איז איבער אַלעס גיראַכט,
צי קען דען באַ עס
קאַ משפט נישט ווערין גימאַכט.
צי איז דען דער צדיק און דער רשע
פון איין שטאַנד,
אַז דאָס גרויסי אומגליק
זאָל זיי טרעפין באַנאַנד,
צי וועט דען טיען צערנין
גאָט'כ האַנט,
צי משפט'ן איבערן רשע
דאָס גאַנצי לאַנד.
וועט זעך נאָר דאָרט
פערציג צדיקים געפינין,
קען דאָך שוין אַזך
דאָס לאַנד נישט אומקומין.
וועט דען גאָט איבערן צדיק
און רשע גלאַך צערנין,
דער צדיק טוט דאָך
יום ולילה תורה לערנין.

מלאך:
וועט זעך אין סדום
פערציג צדיקים גיפינין,
וועט שוין וועגין זיי
דאָס לאַנד נישט אומקומין.

אַברהם:
צי קען דען באַ עס,
וואָס איז איבער אַלעס גיראַכט,
צי קען דען באַ עס
קאַ משפט נישט ווערין גימאַכט.
צי איז דען דער צדיק
און דער רשע פון איין שטאַנד.
אַז דאָס גרויס אומגליק
זאָל זיי טרעפין באַנאַנד.
צי וועט טיען צערנין
גאָט'ס האַנט,
צי משפט'ן איבערן רשע
דאָס גאַנצי לאַנד.
וועט זעך נאָר דאָרט
דראַסיג צדיקים גיפינין,
קאָן דאָך שוין אַזך
דאָס לאַנד נישט אומקומין.
וועט דען איבערן צדיק און רשע
גלאַך צערנין ,
דער צדיק טוט דאָך
יום ולילה תורה לערנין.

מלאך:
וועט זעך אין סדום
דראַסיג צדיקים געפינין,
וועט שוין וועגין זיי
דאָס לאַנד נישט אומקומין.

אַברהם:
צי קען דען באַ עס,
וואָס איז איבער אַלעס גיראַכט,
צי קען דען באַס עס
קאַ משפט נישט ווערין גימאַכט,
צי איז דען דער צדיק און דער רשע
פון איין שטאַנד,
אַז דאָס גרויס אומגליק
זאָל זיי טרעפין באַנאַנד,
צי וועט דען טיען צערנין
גאָט'ס האַנט,
צי משפט'ן איבערן רשע
דאָס גאַנצי לאַנד.
וועט זעך נאָר דאָרט
צוואַנציג צדיקים גיפינין
קען דאָך שוין אַזך
דאָס לאַנד נישט אומקומין.

מלאך:
וועט דען גאָט איבערן צדיק
און רשע גלאַך צערנין,
דער צדיק טוט דאָך
יום ולילה תורה לערנין.
וועט זעך אין סדום
צוואַנציג צדיקים גיפינין,
וועט שוין וועגין זיי
דאָס לאַנד נישט אומקומין.

אַברהם:
צי קען דען באַ עס,
וואָס איז איבער אַלעס גיראַכט,
צי קע דען באַ עס
קאַ משפט נישט ווערין גימאַכט,
צי איז דען דער צדיק
און רשע פון איין שטאַנד,
אַז דאָס גרויסי אומגליק
זאָל זיי טרעפין באַנאַנד.
צי וועט דען טיען צערנין
גאָט'ס האַנט,
צי משפט'ן איבערן רשע
דאָס גאַנצי לאַנד.
וועט זעך נאָר דאָרט
צעהן צדיקים גיפינין
דאָס לאַנד נישט אומקומין.
קען דאָך שוין אַזך
וועט דען גאָט איבערי צדיק
און רשע גלאַך צערנין
דער צדיק טוט דאָך יום ולילה
תורה לערנין.

מלאך:
וועט זעך אין סדום
צען צדיקים גיפינין
וועט וועגען זיי
דאָס לאַנד נישט אומקומין.

(ענדע).

# יְצִיאַת מִצְרַיִם.

פּאַיאַץ:

יך וואַרע דער ערשטער פּאַיאַץ
פאָן קעניג פּרעה איין גרויסער פּאַראַץ,
יך קאָמע אַריין
צו געבען צו פערשטיין,
וואָס פיר איין שפּילע
עס ווערדעט הויטע זיין,
ווירדין וויר יציאת מצרים פאָרשטעלין,
דיזי געסטע די שפּיל צו געפעלין
די געסטע האָבען דיזי גישיכטע גילעזין
אינד זיינדין אַף דיזע שפּילע
פאַר יאַרע גיוועזין,
דאָס איזט די זעלבי גישיכטי
פאָן יציאת מצרים.
דער קעניג פּרעה
האָט די יודען אָנגיטאָן ביטערע נויט,
דערום האָט ער באַקאָמין
מיט זיינע לייטע דעם טויט,
ער קאָמט אַריין
דאָ אַריין, אַריין,
דיזער קיניג פּרעה
מיט אַזאַ טראַקט,
דיזער מאַן
האָט נאָך נימאַלס געקראַכט
מאָזעס האָט אים
ביים ירדן געפּאַקט,
פּרעה איז געזעסין
אונד גיקאָכט,
היער קאָמט אַריין דיזער פּרעס
מיט זיינע גיזעלין,
וויר פאַנגין דיזי געשיכטע פאָרצושטעלין,
היער קאָמט אַריין
פּרעה גיפיין
פאַר דיזי טירע לאָסער מער ניכט שטיין
ביטע אַריין,
אַריין, אַריין,
קיניג פּרעה דו מיין
קיניג פאָן גאַנצען לאַנד,

פּרעה:

אַלי שטעט אונד לענדער
זינדין אין מיינע האַנט
אַלים פאָן גאַנצין לאַנד
איזט אינטער מיינע בעפעלען,
וועך עס ווינשט וואָס,
מיז זיך פיר מיר שטעלין.

משה:

יך מאָזעס בין געקאָמין
זיך שטעלין פיר דעם האַר קעניג
איבער אַלי שטעטין
אין פייער דריי טעג פאַר די יודען
צו טיען בעטין
דיזע צייגען (ווייזט איהם אַ שטעקען) האָט מיר
גאָט געגעבען
דערום לאָס דער קיניג פּרעה
אַף דיזין צייכען קוקען
אונד דאָס פאָלק ישראל
אָס מצרים אַרויסשיקען.
דאָס פאָלק ישראל
קאָן היער מעהר ניכט אַרבייטען מין
אונד מיז צי גאָטעס פייער אין וויסטע גיין.

פּרעה:

ווער איז דיזער גאָט,
וואָס האָט דיך געשיקט,
דאַרך געקיקט.
איך האָבע שאָן אַלי ביכער
אין מיינע ביכער פינדען
זיך ניכט זאַלכי געטיר.
די מאָזעס וואַרסט איין שפּעטער
דאָס איז ניכט קיינער גאָט,
די מאַכסט פון מיר איין גישפּאָט,
וואָס פאַר איין גאָט איזט דאָס,
וואָס איך זאָל זיין שטימע הערען?
די יודען ווערדען ניכט געשיקט ווערען!

משה:

דאָס איזט דער גאָט פון אַברהם אָבינו
זינען,
ער ווינשטע אים די יודען דריי טאָג
לאָזען דינען.

פּרעה:

מאָזעס אונד אַהרון,
וואָס טיען זיע די יודען אַרבייטען שטערען
פון דיזע זאַכע
ווערדעט ניכט ווערען.
אַצינד, דינערשאַפט,
רופען זיע צזאַמען אַלי הערען,
דאָס דיזע ווינש זאָל זיך ניכט פערמערען,
דערום בעקומען פון הויטע
די יודען קיי שטראָ מעהר
אונד ציגעל מוזען זיי מאַכען ווי פריער,
דערפאַר ווייל זיי ווילען
אירען גאָט צו ליבען,
מיזען זיע שטראָ קלאַבען.

דינער:

יודען הערען זיע אָס דיזעס געבאָט,
ווייל די ווינשען
צו גיין ליבען גאָט,
ווערדען זיע פאָן הויטע

קיינע שטריי בעקומען
אונד פון די ציגל ציגליין
ווערדעט עס ניכט אבגענומען,
ווייל זיע האבין געווינשען גאט צו לאבען,
מוזען זיע גיין שטרא קלאבען.

**שוטרים:**

ווי ויינדען געקאמען
דעם קיניג פרעה פראגען,
ווארום האט ער זא איין געבאט געגעבען,
דאס מיר ווערדען קיינע שטרא האבען.
ווי קאנען מיר זא פיעל ציגליען מאכען?
איבער דיזעס געבאט,
וואס דער קיניג פרעה האט געטאן זאגין,
טאט מאן אונז יודען שלאגען.

**פרעה:**

דערום, ווייל זיע האבען איהין גאט
לאבען געוואלט,
מיזען דיזע געבאט האבען האלט.

**משה:**

קיניג פרעה, קיניג פרעה,
טאן זי ניכט טראכטען,
אז הויט ווערדעט עס זיין
ווי נאכטען.
ווערדען זיע די יודען
ניכט שיקען ווי מיט'ן גיטען
זא ווערדי איך פון אלע וואסערען
מאכען בליטען.
דאס גאנצע וואסער וועט ניכט
זיין גוט,
ווייל אלע וואסערען ווערלען
ווערען בלוט.
קיינע וואסער ווערדעט ניכט
זיין צו טרינקען,
ווייל אלע וואסערען ווערלען שטינקען.

(משה, גיט א קלאפ מיט'ן שטעקען).

**פרעה:**

מאזעס, מאזעס,
וואס האסטו געמאכט,
האסט דאך מיך
פאר דורשט אומגעבראכט,

**משה:**

קיניג פרעה, קיניג פרעה,
ווערדעסט די דאס פאלק
פון מצרים ניכט שיקען,
זא ווערדי איך אף דיר פילע
רושאבעס אנשיקען.
דאס ווערדע זיין פיר דיר
א גראסע-קרענק,
די רואבעס ווערדען ארימקריכען
אף טישען אונד אף בענק,
זא ווי איך ווערדי מיט מיין שטעקען
אף די וואסערען נייגען,
זא ווערדען די רואבעס
דאס גאנצע לאנד פערפליצען.

(משה, נעמט דעם שטעקען, גיט א קלאפ).

**פרעה:**

מאזעס, מאזעס,
טא צו גאט בעטען
די פינסטערע רואבעס
זאלען פון מיר אבטרעטען,
איך ווערדי שוין אף ניכט'ס קיקען,
אונד ווערדי די יודען
שלאכטען אפער שיקען.

**משה:**

איך ווערדי הויטע
פארין דאר גאט בעטין,
די פינסטערע רואבעס
זאלען פון דיין האז אבטרעטען.
איך ווערדי די רואבעס
פון לאנד פערטרייבען,
זי ווערדען נור אין וואסער
אונד טייכען פערבלייבען,
דערום זאל דער קיניג
וויסען דאס געבאט,
אז ס'איז ניכט פאראן א גאט
ווי אונזער גאט.

(משה גיט אקלאפ מיט'ן שטעקען).

אצינד האב איך שוין
די רואבעס פערטריבען,
דערויף לאס דער קיניג פרעה
אין זיינע ווארטין טראכטען
אונד די יודען שיקען אין די וויסטע אפערשלאכטען.

**פרעה:**

אף מיינע ווארטען ווערדי
איך ניכט קוקען.
אונד דאס פאלק אפערשלאכטען
ווערדע איך ניכט קיקען

**משה:**

קיניג פרעה, קיניג פרעה,
ווערדעסט דו דאס פאלק
פון מצרים ניכט שיקען,
זא ווערדי איך אף דיר
פילע לייזע אנשיקען,
זיע ווילען דיך בייסען,
זיע ווילען דיך עסען,
ווערדעסט די שוין אלעס
פערגעסען.

(משה, גיט אקלאפ מיט'ן שטעקען).

**פרעה:**

מאזעס, מאזעס,

וואָס האָסט דאָ געמאַכט,
וואָס האָסט דו געהייסען.
די לייטע טיען מיין פלייש בייסען,
טאָ פון מיר אָפּ די פּיין,
איך ווערדי שוין נימאַלס ניכט נאַרען מיין.
(משה גיעט אַ קלאַפּ מיט דעם שטעקען).

**משה:**
אַצינד האָב איך שוין
די לייטע פערטריבען,
דערום לאָס דער קיניג פרעה
אין זיינע וואָרטען טראַכטען
אונד די יודען שיקען אין דער וויסטע,
אָפּער שאַכטען.

**פרעה:**
אַף מיינע וואָרטען
ווערדי איך ניכט קוקען
אונד דאָס פאָלק אָפּער שעכטען
ווערדע איך ניכט שיקען.

**משה:**
קיניג פרעה,
ווערדעסט דו דאָס פאָלק
פון מצרים ניכט שיקען.
זאָ ווערדי איך אַף דיין האָזע
אונד קנעכט אַ פערמישונג שיקען,
וואָ דו ווערדעסט זיך ווענדען,
אונד וואָ דו ווערדעסט דיך קערען,
אונד דאָס לאַנד גשן
ווערדי איך פון פערמישונג אויסשליסען
מיין פאָלק ישראל
זאָל פון דיזע פערמישונג ניכט געניסען.
(משה גיט אַ קלאַפּ מיט'ן שטעקען).

**פרעה:**
מאָזעס, מאָזעס,
טוי צו גאָט בעטען
דיזע פערמישונג
זאָל פון מיר אָבטרעטען.
נוך וואָס מאָזעס
דאַרפסט דו וועגען דער וויסטע טראַכטען,
אַז די קאָנסט היער אין לאַנד אָפּער שאַכטען.

**משה:**
אין לאַנד מצרים
קאָן דיזעס נימאַלס גישיין.
די מצרים ווירדען דאָס ניכט
קאָנען זעהין.
דיזע זאַך מוז זאָ זיין
דריי טעג אין דער וויסטע
מיסען מיר גיין.

**פרעה:**
שאַכטין אָפּער אין די וויסטע
וואַר איך שוין גרייט,
נור זיי זאָלען ניכט
אַוועקגיין ווייט.

**משה** (גיט אַ קלאַפּ מיט'ן שטעקען).
אַצינד האָב איך שוין
דיזע פערמישונג פערטריבען.
דערום לאָס דער קיניג פרעה
אין זיינע וואָרטען טראַכטען
אונד די יודען שיקען אין די וויסטע
אָפּער שאַכטען

**פרעה:**
אָף מיינע וואָרטען
ווערדי איך ניכט קוקען,
אין דאָס פאָלק אָפּער שאַכטען
ווערדי איך ניכט שיקען.

**משה:**
קיניג פרעה, קיניג פרעה,
ווערדעסט דו דאָס פאָלק
פון מצרים ניכט שיקען,
זאָ ווערדי איך אָף דער לאַנד
אַ פינסטערע מאָרד שיקען.
זאָ אַיין מאָרד ווי דאָס ווערדעט גישען
איצט נאָך אין גאַנצען לאַנד ניכט גיזעהן.
אַלע טירע פון פיה,
פון האָז אונד פון פעלד
ווערדען פגר'ן אין דיין געצעלט.
עס ווערדעט פיר דיר זיין אַ גראָסע שאַנד,
וייל שטינקען פון דיזען ווערדעט דאָס גאַנצע לאַנד.

**פרעה:**
מאָזעס, מאָזעס,
טאָ צו גאָט בעטין
דיזען מאָרד
זאָל פאָן מיר אָבטרעטען.
איך ווערדי שוין אָף ניכטס קוקען
אונד ווערדי אָפּער שאַכטין די יודען שיקען.

**משה:**
איך ווערדי היטע
האַר גאָט בעטין
פאַר'ן דיזען מאָרד
זאָל פאָן דיין פאָן אָבטרעטען.
פרעה, פרעה,
מיין ניכט, אַז ס'איז נאַכטען
אונד שיקע די יודען
אין דער וויסטע אָפּער שאַכטען.
(משה גיעט אַ קלאַפּ מיט'ן שטעקען).
אַצינד האָב איך שוין דעם מאָרד פערטריבען,
דערום לאָס דער קיניג פרעה
אין זיינע וואָרטען טראַכטען
אונד די יודען שיקען
אין דער וויסט אָפּער שאַכטען.

**פרעה:**
אָף מיינע וואָרטען
ווערדי איך ניכט קוקען
אין דאָס פאָלק אָפּער שאַכטען
ווערדי איך ניכט שיקען.

משה:
קיניג פּרעה, קיניג פּרעה,
װערדעסט דו דאָס פאָלק
פון מצרים נישט שיקען,
זאָ װערדי איך אָפּען גאַנצען לאַנד
אײַן פּאַרעך שיקען
איף דיר אונד דײַנע טהיר אונד אָקסען
װערדען בײזע בלאָטערען װאַקסען.
דער פּאַרעך װערדעט פערשפּרײטען
דאָס גאַנצע לאַנד
אונד װערדעט אַלעס מאַכען
צו שפּאָט אונד צו שאַנד.
(משה גיט אַ קלאַפּ מיט'ן שטעקען)

פּרעה:
מאָזעס, מאָזעס,
טאָ צו גאָט בעטען
דיזער פּאַרעך
זאָל פון מיר אָבטרעטען.
איך װערדי שאָן
אָף ניכטס קוקען
אונד אָפּער שאַכטען
די יודען שיקען.

משה:
איך װערדי היטע
פאַר'ן דאַר גאָט בעטען.
דיזער פּאַרך זאָל פון גאַנצען לאַנד אָבטרעטען,
פּרעה, פּרעה, מײַן ניכט,
אַז ס'איז נאַכטען
אונד שיקע די יודען
אַן די װיסטע אָפּער שאַכטען.
(משה גיט אַ קלאַפּ מיט'ן שטעקען)
אַצינד האָב איך שוין
דעם פּאַרך פערטריבען,
דערום לאָס דער קיניג פּרעה
אַן זײַנע װאָרטען טראַכטען
אונד שיקען די יודען אָפּער שאַכטען.

פּרעה:
אַף מײַנע װאָרטען
װערדי איך נישט קוקען,
און דאָס פאָלק אָפּער שאַכטען
װערדי איך נישט שיקען.

משה:
קיניג פּרעה, קיניג פּרעה,
װערדעסט די דאָס פאָלק
פון מצרים נישט שיקען,
אַװינד און אַהאָגעל
װערדי איך אָפּען לאַנד מצרים שיקען,
דיזער האָגעל װעט פערטיליגען
אַלעס אָפּען פעלד,
דערום זאָל יעדער ברײנגען זײַנע פיה
אין זײַן געצעלט.
(משה גיט אַ קלאַפּ מיט'ן שטעקען)

פּרעה:
מאָזעס, מאָזעס,
טאָ צו גאָט בעטען
דיזעס בײזער האָגעל
זאָל פון לאַנד אָבטרעטען,
איך װאַר זינדיג
ענטקעגען ישראל
אונד שיקע די יודען אָפּער געבען
דיזעס מאָל.

משה:
איך װערדי היטע
פאַר'ן דאַר גאָט בעטין,
דיזער האָגעל
זאָל פון גאַנצען לאַנד פערשװינדען.
פּרעה, פּרעה, מײַן נישט, אַז ס'איז נאַכטען
אונד שיקען די יודען אין װיסטע
אָפּער שאַכטען.
(משה גיט אַ קלאַפּ מיט'ן שטעקען)
אַצינד האָב איך דיר שאָן
דעם האָגעל פערטריבען.
דערום זאָל דער קיניג פּרעה
אין זײַנע װאָרטען טראַכט
אונד שיקען די יודען אָפּער שאַכטען.

פּרעה:
אָף מײַנע װאָרטען
װערדע איך ניכט קוקען
אונד דאָס פאָלק ישראל
װערדע איך ניכט שיקען.

משה:
קיניג פּרעה, קיניג פּרעה,
װערדעסט דו דאָס פאָלק
פון מצרים ניכט שיקען,
װערדע איך מאָרגען
אָף מצרים אַ בײזען הײשעריק שיקען.
דיזער הײשערעק װעט זיך
אױסשפּרײטען איבער'ן גאַנצען לאַנד
אונד װערדעט אַלעס מאַכען
צו שפּאָט אונד צו שאַנד.
(משה גיט אַ קלאַפּ מיט'ן שטעקען).

פּרעה:
מאָזעס, מאָזעס,
טאָ צו גאָט בעטען.
דיזער הײשערעק
זאָל פון לאַנד אָבטרעטען.
איך װערדי שוין
אָף ניכט קוקען
אונד װערדי אָפּער שאַכטען
די יודען שיקען.

משה:
אונד װערדי היטע
פאַר'ן דער גאָט בעטען,

דיזע הײשעריקען זאָלען פון
לאַנד מצרים אָפּטרעטען.
פּרעה, פּרעה, מײן ניכט,
אַז עס איז נאַכטען
אונד שיקע די יודען
אין דער וויסטע אָפּער שאַכטען.
(משה גיט אַ קלאַפּ מיט'ן שטעקען).
אַצינד האָב איך שאָן
די הײשעריקען פערטריבען,
דערום לאָס דער קיניג פּרעה
אין זײַנע וואָרטען טראַכטען
אונד שיקען די יודען אָפּער שאַכטען.

פּרעה:
אָף מײַנע וואָרטען
ווערדי איך ניכט קוקען
אונד דאָס פאָלק אָפּער שאַכטען
ווערדי איך ניכט שיקען.

משה:
קיניג פּרעה, קיניג פּרעה,
זאָ ווערדעט דיר ווערען פינסטער,
דאָס איין מענש ווערדעט
דעם צווייטען ניכט זעהן,
ווײַל די האָסט זאָ פיעל מאָל
פאָן דאַר גאָט געלאַכט,
ווערדעט אין גאַנצען לאַנד מצרים
ווערען פינסטער ווי בײַ נאַכט.
(משה גיט אַ קלאַפּ מיט'ן שטעקען).

פּרעה:
מאָזעס, מאָזעס,
טו צו גאָט בעטען
דיזע פינסטערקײַט
זאָל פון לאַנד אָפּטרעטען,
איך ווערדי שאָן אָף ניכטס קוקען
אונד אָפּער שאַכטען די יודען שיקען.

משה:
איך ווערדי דויטע
פאַר דעם האַר גאָט בעטין
דיזע פינסטערקײַט זאָל אָפּטרעטען.
(משה גיט אַ קלאַפּ מיט'ן שטעקען).
פּרעה, פּרעה, מײן ניכט,
אַז ס'איז נאַכטען
אונד שיקע די יודען
אין דער וויסטע אָפּער שאַכטען.

פּרעה:
אַלע ווערדען גײן שאַכטען
אונד היער ווערען בלײַבען.
די שאָפּע אונד די רינדער
זיע קאָנען אָך נעמען די קלײנע קינדער.

משה:
די שאָף און די רינדער
מיזען מיט אונז גײן,
ווײַל זיך פאַרן דאַר גאָט שטעלען
אָהנע אָפּער איז ניכט שײן.

פּרעה:
מאָזעס, מאָזעס,
היער קאָמען זאָלסט דו ניכט מערען,
ווײַל דו ווירדעסט געטאָטעט ווערען.

משה
זאָ ווי די געשפּראָכען האָסט,
זאָ ווערדעט עס זײַן,
איך קאָמע צו דיר, ניכט מײן.
קיניג פּרעה, קיניג פּרעה,
דאָס לעצטע מאָל
קאָמע איך דיר זאָגען,
דאָס איך ווערדע אַלע עלסטע געבוירענע
פון גאַנצען לאַנד מצרים אויסשלאָגען.
פון דײַן ערשטען געבאָרענעם דאָן
ביז די פיה אין פעלד,
אָף אַלע ווערדעט די קללה
ווערען געשטעלט.
קײן ערשטע געבוירענע
ווערדען אין לאַנד ניכט בלײַבען,
דו ווערדעסט דאַן דאָס פאָלק
אַלײן אַרויסטרײַבען.
(משה גיט אַ קלאַפּ מיט'ן שטעקען).
(פּרעה'ס זוהן פאַלט ט'יט).

פּרעה:
ווי איזט מיר, מײן זאָן.

ערשטער מצרי:
העך קיניג,
לאָס דער קיניג
די יודען אַרויסטרײַבען,
דען עס ווערדעט פון אונזערע הײַזער
קײנער ניכט בלײַבען.
אונזער עלטסטער געבאָרענער זאָן איז ט'יט.

צווייטער מצרי: חזר'ט איבער דעם ערשטענס ווערטער.

פּרעה:
מאָזעס, מאָזעס,
שטײ אָף שנעל,
געם די יודען
און גײ ווי דיר געפעלט.
נעם די יודען
אונד גײען זיע אַרויס פון לאַנד
דען דער טאָט איזט אונזער שאַנד.

משה:
יודען, יודען,
די ועקלעך געטמען,
פון גלות מצרים
זענען מיר אַרויסגעקאָמען.

ענדע.

# שלמה המלך'ס משפט.

**לויפער:**
גיטין נאָבינד מאַני ליבי לייטין,
אינץ קימין דאָ די „לאַטיטען בייטין"(?)
אַף דיזי קוואַטיר
מאַכין אינץ אַ באַשטיר,
חאַ, חאַ, חאַ, יאַ, יאַ, יאַ„
אינץ ווענין די גיזעלען,
וועָן אינזירי האַרין ווענין נישטאָ,
טיען מיער קוועלען,
האָפין היער האָסין,
מאַכין מיער, מאַכין מיער
איין באַשטיר
אַף דיזי קוואַטיר.
דאָ קימט אַריין
דער „מאָנדי-שיין"(?*)
דאָס איז ער אַליין,
שלמה המלך דער וואַזער מאַן,
ער קימט שוין דאָ אַראַנציגיין
מאַכטין אַ וואָרי אַלי לייט,
קיניג שלמה גייט.

**שלמה:**
מיט מאַן גראָסין
וואָל פאַרשטאַנד,
קיניג יעך איבער'ן גאַנצין לאַנד
אַלים פאַשטיי יעך מיט מיינים גיפיל,
שטעלטיך מיר צי די גאָלדיני שטיל

**לויפער:**
דהויסען שטייען צווי וואַבער
ראַסין ווען די קעפ מיט די לאַבער.
אַ דין-תורה ווילין זיי פרעגין.

**שלמה:**
קימין זיי דאָ היער.

**1טעס חייביל:**
אינץ ווענין גישלאָפין אַף איין קוואַטיר,
יעך בין געשלאָפין
און זי האָט גיוואַכט,
האָט זי אידר קינד
דעם טויט גימאַכט.
און האָט דאָס טויטי
צי מיר געבראַכט
און דאָס לעבעדיגע
צי אידר געבראַכט.

**2-טעס חייביל:**
דאָס קינד איז מיין,
ניין, ניין, ניין,
זי איז גישלאָפין,

זי האָטן גידריקט,
האָטיך זי איר קינד
אַף טויט צידריקט.
דאָס טויטע איז אידער,
דאָס לעבעדיגע קימט מיער.

**שלמה:**
יעך וועל מאַכין דיזעס וואָר,
מען וועט דאָס קינד צישנאַדין גאָר.

**1טעס חייביל:**
אַיידער מען זאָל דאָס קינד צישנאַדין סגאָר
נעם דיר דאָס קינד גאָר.
ניין, ניין, סעט אַזוי נישט זיין,
נעם דיר סקינד און גיי אַהיין (אַהיים?)

**2-טעס חייביל:**
וואָס טיסטי ריידין,
וואָס טיסטי מאַכין,
אין קיניג'ס משפט,
ווי קענסטי בראַכין.

**1טעס חייביל:**
ניין-ניין-ניין, דאָס לעבעדיגע קינד איז דיין,
נעם דיר סקינד און גיי אַהיין.

**שלמה:**
איך יאָ אַזוי איז גאַנץ גיפיין
(צו דער צווייטער פרוי): דאָס טויטע
איז דיין!
(צו דער ערשטער פרוי): דאָס לעבעדי-
גע איז דיין, נעם דיר סקינד און
גיי אַהיין.

(2-טער וואַריאַנט).

**אַלע:**
מיינע ליבע הערין,
מיינע ליבע לייטין,
אינץ ווענין גיקימין
דיזעס שפיל צי ווייזין.
אינץ ענין גיקימין -
דיזיס שפיל צי שטעלין
עס וועט דעם בעלי-בית
דיער גיט גיפעלין.
דער ערשטער קימט
שלמה המלך,
ער איז אַ גרויסער חכם,
און זאָן האַרץ אי גאָר פריילעך,
אַ גאָלדיני קרוין
גייט ער אָנגיטין,
מיט בראַליאַנטין האָט מען זי
גיטיען באַציהין.

דיזער שלמה וועט [illegible] יט גיפעלין,
ער קומט אַראַן דיזעס שפ[illegible] צישטעלין.

**שלמה:**
קימטיך אַריין, אַלע מיין
יועצים פון מאַן גיצעלט,
די גאָלדיני שטיל
מיר צינישטעלט.
איך ועץ מעך אַף די שטיל,
דיזעס אָנציצערין
אַלע משפטים וועל איך טיען אָפּהערין.

**דינער:**
אין דראָסין שטייען צווי פראָען
אָנגיטיען אין היבע שפאַען,
זי קימין דאָ אַריינציגיין,
גאַנץ גיהיש, גאַנץ גיפיין.
(סקימען אַריין צוויי ווייבער מיט אַ קינד).

**1-טעס ווייבעל:**
איך האָב גיהאַט אַ קינד
ווי איז מיר שטאַרק און ווינד,
אינץ ענין ביידי גישלאָפין צינעזאַמי
זי האָט אָך אַ קינד גיהאַט,
אָט זי דעם קינד אין טויט גימאַכט,
ס'איז גיוועזן אין מיטין די נאַכט,
האָט זי דאָס טויטע קינד צי מיער גיבראַכט,
אַ בראָך איז צי מיער צוגיקימין,
זאָט ועך דאָס לעבעדיגע קינד צוגינימין.

**שלמה:**
דיזער פסק מיז זיין וואָס גרעסער,
דינער, דערלאַנג מיר אַהער דאָס מעסער.
דיזער פסק עט זאַן גישטעלט,
מעט דאָס קינד צישנאַדין אַף די העלפט.
דיזע זאַך וועט וואַזין וואָער,
מען וועט דאָס קינד צישנאַדין גאָר.

**1-טעס חייבעל:**
לאָז דעם האַר קיניג נישט פאַרדריסין,
וואָס איעך על קישין זאַני פיסין,
איידער מען זאָל דאָס קינד צישנאַדין
און צינעמין אַוא יינג לעבין,
לאָמין עס גלאַכער איער געבין,
אָבער דאָס קינד זאָל בלאַבין לעבין.

**2-טעס חייבעל:**
ניין, דאָס איז נישט ראַכט,
דער קיסר האָט אַזוי גימאַכט.

**שלמה:**
ניין, ניין, ס'וועט אַזוי נישט זיין!
(צו די ערשטע): דאָס קינד איז דיין
נעם דיר סקינד און גיי אַהיין!

(ענדע).

*) מענגליך מאָנדע-שיין—לבנה-שיין האַראַק-טעריסטיש אַז שלמה המלך זאָל פאַרגלייכט ווערן צו לבנה-שיין.

# מיינע קארעספאדענטען און מיטהעלפער.

אין פוילען און גאליציע וועלכע העלפען מיר צו ביים זאמלען דאס פאלקלארישע מאטעריאל, דריק איך אויס מיין בעסטען דאנק, פאר זייער ליעבשאפט און איבער־געגעבענהייט ביים זאמלען די אלטע פאלקס־שעפפונגען.

אויך אויף ווייטער בעט איך אלע מיינע מיטהעלפער מיר אפט צו מעלדען וועגען יעדען מאטעריאל וואס האט א שייכות צו פאלקלאר. און די ווייניגע וואס ווייסען פון אזעלכע מאטעריאלען מיר צו שרייבען אויף מיין אדרעס.

**Пинхосу Граубарду, Сохачевъ, Сохачевская ул.**

# בית מסחר והוצאת ספרים של א. גיטלין ורשה

## (סוכן הראשי של הוצ. „מוריה“.)

מודיע את כל בתי מסחר הספרים, המורים, האגודות והחברות דכל אתר ואתר, שלימי הסזון הבא הוכן המבחר היותר גדול מכל ספרי למוד הנמצאים בשוק הספרים העברי והכללי מכל ההוצאות כמו „מוריה“, „תושיה“, „יהודיה“, „אחיאסף“ „האור“ וכרומה, גם כל ספרי הוצאת ארץ ישראל ואמריקה. בית מסחרנו מצטין בישרנותו, דיקנותו ובפרט במהירותו היתרה. למורים ואגודות נתנת הנחה הגונה. קטלוגים נשלחים חנם לכל דורש.

גם הממכר הראשי אצלנו מהספרים האלה.

| | | | |
|---|---|---|---|
| **סוכן המלך.** ספור הסתורי. | מחיר 40 קאפ. | **הממזר.** | 10 קאפ. |
| **בת ציון.** ספור מקורי. | 30 קאפ. | **ליאון הרופא.** | 25 קאפ. |
| **על חטא שחטאתי.** ספור. | 30 קאפ. | **התלמוד.** מתודה חדשה. | 18 קאפ. |
| **מלתעות כפירים.** ספור רצח נורא | 25 קאפ. | **דקדוק שפת עבר** אתמולוגיה וסנתכסיס | 50 קאפ. |
| **הצופה לבית יעקב.** | 40 קאפ. | **פארשול און פאלק.** | |
| **המסחר.** ספור | 10 קאפ. | חריסטימטיה מצוירת | 70 קאפ. |

**הזמנות נמלאות בדיוק ובישרנות. במטותא להעיר על כתבתי.**

בית מסחר הספרים של **א. גיטלין**, סוכן מוריה | ורשה נלבקי איוואנאוו באזאר, נגד הגן הקרשיני.

Книгоиздательство и Книжный магазинъ

Э. ГИТЛИНА, Варшава, Налевки, Ивановскій Базаръ

# א. גיטלינ'ס פערלאג און בוכהאנדלונג

אונזער בוך-געשעפט איז דאס גרעסטע אין רוסלאנד. שטענדיג קאן מען ביי אונז קריגען דעם גרעסטען אויסוואהל פון אלע סארטען ביכער: בעלעטריסטישע, פובליציסטישע, וויסענשאפטליכע, פאליטישע, היסטארישע.
דער גרעסטער אויסוואהל פון אלערליי קינדער-ליטעראטור—מיט און אהן נקודות, אילוסטרירט און נישט אילוסטרירט פון 1 קאפ. ביז 5—6 רובל פער שטיק.

אפערען און אפערעטקעס פון אלע פערלאגען און אויסגאבען.

אנמערקונג: ביי אונז קריגט מען אויך צענזורירטע פיעסען (צענזורקעס) פון דער פעטערבורגער הויפט-צענזור. דאס איז בעזונדער וויכטיג פאר אלע יודישע אמאטאר-טרופעס.

עס איז איבעריג צו רעדען וועגען אונזער רעעלקייט און פינקטליכקייט. דאס איז בעוואוסט און יעדען פערזאָרפענעם שטעדטיל, פון וואנען מען ווענדעט זיך צו אונז מאסענוויז מיט בעשטעלונגען. עס איז נאר כדאי צו דערמאהנען, אז אונזער פירמע שטעהט אין שטענדיגע און דירעקטע פערבינדונגען מיט אלע יודישע פערלאגען און בוכהאנדלונגען פון דער גאנצער וועלט. און דאס, פערשטעהט זיך, גיט אונז די מעגליכקייט באלד צו בעזיצען אלע נייע אויסגאבען גלייך נאך זייער ערשיינען.

בוכהענדלער, ביבליאטעקען, פעראיינען, לעהרער, שולען, תלמוד-תורות און אויך איינצעלנע קונים, וואס קויפען ביכער פאר א גרעסערע סומע, בעקומען ביי אונז א ספעציעל-גרויסען ראבאט.

מיר מאכען אויפמערקזאם די אלע, וואס ווילען איינארדנען א ביבליאטעק אין עטליכע שפראכען פאר'ן פובליקום אדער פאר'ן אייגענעם געברויך, אז מיר קאנען זיי עס איינארדנען שנעל און ביליג, און די ביכער, וואס וועלען אנגערעכט ווערען אלס נישט-געוואונשען, טוישען מיר באלד איבער, לויט'ן פערלאנג אויף אנדערע.

אונזערע פרייזען זענען די סאמע מעסיגסטע, אונזער בעהאנדלונג—די סאמע רעעלסטע.

גרעסערע ביכער, וואס זענען ביז איצט ארויס אין אונזער פערלאג:

| | |
|---|---|
| יחזקאל קאטיק—„מיינע זכרונות", ערשטער באנד | 1,50 ק. |
| יחזקאל קאטיק—„מיינע זכרונות", צווייטער באנד | 1,50 ק. |
| (עס דרוקט זיך דער דריטער) | |
| דוד קאסעל—„אין דארף", ראמאן, | 75 „ |
| דוד קאסעל—„אויגנ-בלאסקייט", נאוועלען, | 85 „ |
| י. מ. הייסענבערג—„בילדער און ערצעהלונגען", | 75 „ |
| ב. יאושואהן—„אפיקורסים", ראמאן, | 75 „ |
| ב. יאושואהן—„איין פרישער לופט", הומארעסקען, | 25 „ |
| מ. ספעקטאר—„פערבלאנדושעטע", ראמאן, | 50 „ |
| מ. ספעקטאר—מאמענט-פאטאגראפיעס (ווי שרייבען בעריהמטע יודישע שריפטשטעלער) | 35 „ |
| ש. פרוג—לידער און פראזע (צוויי גרויסע בענדער) | 1,— ר. |
| ז. סעגאלאוויטש—„אין קאזמערוש", פאעמא, | 30 ק. |
| ז. סעגאלאוויטש—„ווען די זון פערגעהט", לידער, | 30 „ |
| יהונתן האלפערן—„שיינדעלע", דראמא אין 3 אקט. | 25 „ |
| יהונתן האלפערן—„מוטער און זהן", דראמאטישער איינאקטער | 15 „ |
| יעקב פיכמאן—פאר שול און פאלק (חרעסטאמאטיע) | 70 „ |
| זאמעלבוך—בוך און לעזער, ענטהאלט ארטיקלען פון די בעסטע יודישע שרייבער | 50 „ |
| ראמאנען פון וועלט-בעריהמטע שריפטשטעלער: | |
| גיזאי-דע-מאפאסאן—איוועטא, ראמאן | 40490 „ |
| קנוט האמסון—„דער רעדאקטאר", ראמאן, | 50 „ |
| מאטילדע סאראא—„דער צייטונגס-שרייבער", ראמאן, | 50 „ |
| מייער-פירשטער—„דער קרוינפרינץ", ראמאן, | 40 „ |
| ש. כהן—„דער למד-וו'ניק", ראמאן, | 30 „ |
| באלעסלאוו פרוס—פרעה, ראמאן, | 1,— ר. |
| מאקס נארדוי—מעשה'לעך פאר קינדער און דערוואקסענע | 70 ק. |
| לעוו טאלסטאי—דער טייוועל, א גרויסע ערצעהלונג | 25 „ |
| אייזען סיו—„עוויגער יוד", אילוסטרירט, ראמאן אין 6 טייל | 1,20 ק. |

די אלע ווערק זענען ארויסגעגעבען אויף גוטע פאפיר און זענען פערזארגט מיט א שעהנער הילע, עס דרוקט זיך איין און גיבען ערשיינט פון דרוק א סעריע לעהר-ביכער, איבערזעצונגס-ראמאנען, אריגינעלע ערצעהלונגען און ראמאנען, מעדיצינישע ביכלעך און אנד. פערגעסט נישט, וואו מען דארף זיך ווענדען, ווען מען וויל איינארדנען ביליג און שנעל א ביבליאטעק, וואו מען קאן בכלל קויפען רעעל ביכער אויף אלע שפראכען.

בוכהענדלער, ביבליאטעקען, לעהרער און שולען געהעריגען ראבאט.

פאדערט אונזער קאטאלאג נומער I, II, III גאנץ אומזאנסט.

Книгоизд. и Книжный маг. Э. ГИТЛИНА, Варшава, Налевки Иван. Базаръ
Verlags-Buchhandlung E. GITLIN, Warschau, Nalewki, Iwanow Bazar

# ספרים חדשים שיצאו זה עתה לאור ע"י בימ"הס „איזראעליט" בווילנא

סריה שלמה של ספרי למוד מתוקנה ומסודרה.

1) **אהר האלף בית** ספר למוד חדש מאת פ. היילפרין עם תמונות רבים ויפים **70** ק.

2) **הדר חדש** ספר למוד לשפה, לדקדוק ולעבודת הכתיבה ערוך לתלמידים מתחילים אחרי הא"ב ע"פ **השטה המערבת** Смѣшанный методъ נ. לוין

3) **הדר חדש** מהדורה רוס למדברים רוסית **95** קאפ.

4) **תמון מאסף תמות** וחמר הכתיבה לעבודה עצמית. הרשביץ **90** ק.

5) „סידור חדש" בשם סידור שירה חדשה שלשה נוסחאות מכורך . . . 65

6) „חומש בראשית" עם פירוש מקרא מפורש עברית וזרגנית . . . . 75

7) „חומש שמות מקרא מפורש עברית וזרגנית . . . . . . . . . 75

8) „כרטיסי, אלף בית איזראעליט" בצבעים. . . . . . . . . 40

9) „הצעד הראשון" ספר למור האלפא בית עם תמוגות רבות הוצאה עשירית 35

10) „הצעד השני" ספר למוד אחד האלפא בית עם תמנות רבות ויפות . . 60

11) „הרסתומתיה להלמידים" חלק ראשון עם תמונות רבות מאת נ. לוין. 75

12) „הרסתומתיה לתלמידים" חלק שני לשנות הלמודים השנית והשלישית 90

13) תורה לילדים" והוא ספורי המקרא ערוכים בלשון הכתוב לתלמידים מתחילים 50

14) „תורה לילדים" חלק שני עם ציורים יפים מאת א. ראבינאוויץ. . . 50

15) „דקדוק חדש" מאת א ש. אפשטיין הוצאה חדשה חלק ראשון . . 60

16) „דקדוק חדש" וסינתכסים חלק שני והוא קורס שלם . . . . . . . 80

17) „עבודה בכתב" קורס אלמנטרי לבתי ספר ולבית מאת א. ש. אפשטיין 30

18) „תכניות" עם תמונות יפות מתאימות אל הספר הנ"ל מאת הנ"ל . . . 30

19) „דקתנת" ספר עזר בלמוד האורתוגראפיה העברית מאת א ש. אפשטיין 20

20) „המורה" מאת גארדאן ספר למוד תורת שפת עבר ודקדוקה הוצאה חדשה 70

21) „מפתח" להנ"ל מאת גארדאן יצאה לאור מהדורה חדשה . . . . . 30

22) „גמרא למתחילים, מאת יעקב גאלדמאן . . . . . . . . . 75

23) „זשארגאנישער פרעמד-ווערטער בוך" פינסקי א נייע פארבעסערטע פראכטפאל שיינע אויסגאבע. 120

24) „המחנך מאת אינדיצקי" . . . . . . . . . . . . 45

25) „המחנך השלם" עם תרגום רוסי אינדיצקי . . . . . . . . 90

26) „המתרגם" מאת אינדיצקי. . . . . . . . . . . 75

27) „המאלף" ספר למוד שפת עבר בשטה קונצנטרית ב. ש. יידער ב"ה . . .

28) „קרא מקרא מצויר" א נייע מעטאדע פאר קינדער אויסצולערנען העב[...] יודישען שטאט דורך נייע סארטען נאציאנאלע בילדער און [...] א לייכטע מעטאדע פאר אנפאנג-קינדער צו ערלערנען און גאר א קורצער [...] און שרייבען די אידישע שפראכע, נאך דער נייעסטער סיסטעם . . .

29) „די קינדער וועלט" אילוסטרירטער א"ב צו לערנען יודיש ל. [...]

30) „די אידישע שול" איבונגען צו ערלערנען אידישע ארטאגראפי[...]

31) „זרעים" חריסתומתיה לשנות הלמודים השלישית והרביעית . . .

32) „קרא מקרא הקצר" א נייע מעטאדע גיך צו ערלערנען לעזען א[...]

33) „חומשים ה' חלקים" בפורמט תכת עצי נפרורים באותיות גד[...] מהספרים האלה מאושרים מועד המלומד שעל יד מיניסטריום לה[...]

## הצעד השני

נ. לעווין מהדורה חדשה יצא לאור ע"י בית מסחר הספרים איזראעליט בווילנא עם הרבה הוספות ותקונים כמו בספר הצעד הראשון התאמץ המחבר גם בספר הזה להקל את הלמוד על ידי הסדר הנכון, ההדרגה המדויקה והתמונות הרבות שבפנים הספר ומפני ההוספות המרובות שבמהדורה זו (32 עמודים) נקצב מחירו **60** קאפ.

## למוכרי ספרים, למורים, ולחדרים מתוקנים

## הנחה גדולה

מכל ספרי חנוך ולמוד ישנים וחדשים, שיצאו עד היום ושהוכנו אצלנו לסיזון הבא במספר רב.

למורים ולחדרים מתוקנים נתן הנחה גדולה כמו לבתי מסחר ספרים גדולים.

## נייעס!

## נייעס!

## נחת פאר עלטערען און פרייד פאר קליינע קינדער

האט יעצט פארשאפט דער בוכהאנדלונג **איזראעליט** אין ווילנא מיט זיין נייעם זייער לייכטען מיטעל ווי אויסצולערנען זאגא דעם שווער בעגעסטען קינד אין 1 טאג דעם געדרוקטען און געשריבענעם אלף בית, דער נייער מיטעל הייסט

## כרטיסי אלף בית
## איזראעליט

גידרוקט מיט זייער שיינע עכטע פארבען. אין א שיין עלעגאנט קעסטעלע פרייז בלויז 40 ק.

1) **הדר חדש** ספר למוד לשפה, לדקדוק ולעבודת הכתיבה ערוך לתלמידים מתחילים אחרי הא"ב,

ע"פ **השיטה המערבת** (**Смѣшанный методъ**) נ. לעוין.

שטת הספר בזה מצוינית, שהיא אינה מחיבת את המורה להתחיל את שעוריו דוקא „עברית בעברית" ויחד עם זה אינה פוטרת אותו מהרחיב את ידיעות תלמידיו ע"פ תרגילים רבים עד כדי להביאם לידי ד ב ו ר ע ב ר י בלי כל יגיעה יתרה.

הספר יוכל לשמש בתור חריסתומטיה עשירה ומרבת הגונים לכל המורים. בספר באו כערך **150** תרגילי כתיבה ודקדוק—הספר נדפס באותיות גדולות בהדור מצוין ובתמונות יפות ורבות שלא באו עדין כמוהם בספרות העברית החנוכית. מחיר הספר 95 ק

2) **הדר חדש** מהדורה רוסית למדברים רוס ע"פ **השיטה המערבת** מחירו 95

### ששה ספרי למוד חדשים מאת א. ש. עפשטיין.

3) **עבודה בכתב** קודם אלמנתרי לבתי ספר ולבית הוצאה חרשה 30 ק.

4) **תכניות עם תמונות** יפות מתאימות אל הספר הנ"ל הוצאה הדשה 30 „

5) **דקתנת** ספר עזר בלמוד האירתוגרפיה העברית חלק ראשון הוצאה חדשה 20 „

7) **דקתנת** חלק שני מאת הנ"ל 30 „

3) **דקדוק חדש** הוצאה חדשה ומתוקנה מהדורה רביעית חלק ראשון 60 „

9) **דקדוק חדש** וסינטכסים ספר שני והוא קורס שלם 80 „

יצאו לאור הוצאה חדשה **תורה לילדים** חלק שני שמות ויקרא נסדר ע"י א. ראבינאוויץ.

הספר הזה שהוא ביבבליה קצרה לחדרים לבתי ספר, נותן את האפשרות למורים ולמדים לגשת אל למוד התורה עם תלמידיהם הקטנים תכף אחרי שרכשו להם את ראשית ידיעת השפה. כל המקומות הקשים והבלתי נאותים לקטנים נשמטו או נתקנו פה באופן היותר רצוי ובכונה תחלה להקל על הפעוטות בראשית למודים. ואולם יחד עם זה נשתמרו בספר הזה אפני מבאו וסגנונו של המקרא, רוח התורה וסדורה בכל מלואם, באפן שהספר יוכל למלא באמת את מקום ה„חומש" בחדרינו מבלי ההסר אף אחת ומע ותיו הנחוצות ומבלי היציא אף אחת מפניני תורתנו לבטלה. בספר באו סמני ההפסקה, באור המלים הקשות, תרגילים בכתב, שאלות לשנות, תכניות והנספלטים ועוד הרבה דברים מועילים ונחוצים למורה בשעת למודו והסברתו לתלמידיו. בספר הזה באו הרבה תמונות ביבליות מגדולי הציורים, המסיעות למורה בשעת הסבר תו והמפתחות את הרגש האסתתי האמנותי של הילד הצעיר. מחיר הספר 50 ק.

## יצא לאור במהדורה שביעית

עם הרבה הוספות ותקונים מאת נ. לוין

## א) הריסטומטיה הדשה

### הלק ראשון.

הספר הזה נחלק לשמונה מחלקות:

1) בבית, 2) בבית הספר, 3) בין אנשים, 4) בשדה וביער, 5) חיות ועופות, 6) זמנים, 7) הארץ ויושביה, 8) ישראל ותורתו.

כל החמר הרב שנכנס בספר הזה מצוין בסגנונו הקל, מעובד לפי רוח י ל ד י ם מ ת ח י ל י ם ומנוקד כלו (הספר מכיל 200 דפים פורמאט גדול), בספר הזה נאסף מבחר הספרות והפדגוגית גם הרבה דברים אוריגינליים נמצאים בו. כל החמר הרב הנה מתאים לשנות הלמודים של מתחילים במלא מובן המלה. אחר כל ספור מעשה ושיר באו תרגילי כתיבה תרגילים דקדוקים. באופן כזה יהיה הספר לספר קריאה מופתי ויחד עם זה לספר שמושי ללמוד השפה בכל מקצעותיה. בספר הזה באו **הרבה תמונות** אוריגינליות מעשה ידי מבחר הצירים והאומנים. גם ההדפסה טובה מאד, האותיות גדולות, כלו מנקד. ההגהה מדויקה, מחיר הספר 75 קאפ.

הויפט־פערקויף:

**אין בוכהאנדלונג א. גיטלין,**

וואַרשא, נאַלעווקי 1 (איוואַנאָווסקי באַזאַר).